בעזהשי"ת

קונטרס

# קול ענות

די השתלשלות הענינים באגלייט מיט די דאקומענטן
פון די אומגלויבליכע חילול ה' און הרמת יד בתוה"ק

מיט די דריי-יעריגע

## תביעה אין די ערכאות הציוני

און פון די שוידערליכע גזילת נכסי ציבור ונכסי הקדש

חודש אייר תשס"ט לפ"ק

בני ברק יצ"ו


רבן דקרו!!!
בג"ץ הציוני
ויואל משה
ויואל משה
גדל האיסור בהליכה בערכאות עכו"ם
הוא מפני שמייקר בזה שם אלילים,
וכלשון השו"ע (סי' כ"ו) דהוי כאילו
חירף וגידף והרים יד בתורת משה,
אבל בערכאות של המדינה הציונית
האיסור הוא בגדר "יהרג ואל יעבור"
דהרי זה ודאי כפירה גמורה בתורה
הקדושה.

# קול ענות אנכי שומע!

די תורה הקדושה דערציילט אונז אין פרשת כי תשא (ל"ב י"ז) בשעת ווען משה רבינו ע"ה איז אראפגעקומען פון הימל מיט די לוחות העדות אין די הענט, יהושע בן נון האט געהערט א קול רעש גדול פון מחנה ישראל, זאגט ער פאר משה רבינו "קול מלחמה במחנה".

ענטפערט משה רבינו "אין קול ענות גבורה ואין קול ענות חלושה קול ענות אנכי שומע"...

ברענגט רש"י הק' דעם פשט פון תרגום יונתן בן עוזיאל "אין קול הזה נראה קול ענית גבורים הצועקים נצחון, ולא קול חלשים שצועקים ווי או ניסה, קול ענות אנכי שומע, קול חרופין וגידופין המענים את הנפש שומען".

**לענינינו!**

מיר זענען שוין ליידער געוואוינט צו הערן קולות במחנה ישראל, עס איז נישט קיין נייעס צו זעהן ווי עס קומען ארויס קונטרסים, מכתבי הסברה, און אויפקלערונגען, ווען אמאל איז דאס א קול ענות גבורה, דער צד וואס האט געוואונען צייכנט אפ זייער זיג, און אמאל א קול ענות חלושה, ווען דער וואס האט פארלוירן ברענגט ארויס זיין צער, וויטאג, און פראטעסט בשער בת רבים.

אבער ליידער היינט זענען מיר דא מיט א "קול ענות", עס הערט זיך א קול חירופין וגידופין המענים את נפש שומעיהם! ניין, מיר זענען נישטא צו שרייען גבורות, מיר זענען נישטא צו שרייען חלושות, מיר זענען דא צו שרייען "אוי, ווי, עס טוט אזוי וויי, עס פייניגט, עס רייסט פון אונז שטיקער!".

עס איז נישט קיין סוד אז במשך די לעצטע יארן זינט אונזער הייליגע קהלה איז פארוויקלט אין סכסוכים זענען שוין געטון געווארן מערערע שריט פון אלע צדדים, אמאל מער לכתחילה, אמאל ווייניגער, אמאל נאר בלית ברירה. עס זענען געווען זאכן וואס האט ווי געטון, מ'האט דאס געדארפט פארשרייען, אמאל האט מען גע'פסק'עט שתיקתך יפה מדיבורך, און מ'האט דאס איגנארירט.

עס איז אבער געקומען צו א מצב וואס מ'קען נישט שווייגן, דער וויטאג איז אזוי גרויס, דער שאק איז אזוי גרויס, דער אינערליכער שניט איז אויפן נקודה הפנימיות ממש, אז עס שרייט זיך ארויס א קול מחאה מעומק הלב.

דער שרעקליכער שריט אז אידן יוצאי בית מדרשו פון רביה"ק מסאטמאר זי"ע, זאלן אריינטראגן אינעם ציוני'סטישן בית משפט א סכסוך וואס אנבאלאנגט די סאטמארע מוסדות אין בני ברק, א סכסוך וואס קען לכל הדיעות געשליכטעט ווערן ביי א בית דין כשר בישראל, א סכסוך וואס דער נתבע האט ערקלערט פון די ערשטע מינוט אן אז ער איז גרייט צו גיין צו דין תורה, און ער איז גרייט צו חתמ'ען שטרי בירורין, דאס איז אן עון פלילי שעדיין לא נהייתה.

**שומו שמים!**

ווי קען דאס זיין אז אידן וואס זענען געוואוינט מוחה צו זיין אויף כבוד שמים, און נעמען זיך אן פארן כבוד פון רביה"ק זי"ע, און זענען לוחם קעגן גאר פרעמדע וואס פירן זיך אנדערש פון זיינע הוראות, זאלן אליין בשאט נפש גיין און במצח נחושה טון אזוינס וואס יענע טרויען זיך נישט צו טוהן?!

דער וויטאג איז דאך אזוי גרויס אז עס איז שווער מצמצם זיין די מחשבות, די בושה איז געוואלדיג, די תורה פון רביה"ק זי"ע זיין הייליגע שיטה הק' נעשית פלסתר, ווי קענען מיר זיך הייבן דאס פנים פאר די אגודי'סטישע קרייזן קעגן וועמען מיר זענען לוחם ווען זיי גייען צו בחירות און זענען גורם צו הכרה במלכות המינות, בו בזמן ווען מהרסיך ומחריביך ממך יצאו, פון אונזער ביהמ"ד איז ארויסגעקומען דער מכשול, און דאס ווערט נאך געדעקט מיט די פולע הסכמה פון "שתיקה כהודאה דמיא".

דאס יהדות החרדית אין ארץ ישראל האט זיך שוין צוגעוואוינט אין די לעצטע שטיק צייט צום פרישן כח פון די עומדים על משמרת הקודש פון חוץ לארץ, ווען אויף יעדן סכסוכ'ל וואס קומט פאר אין ירושלים עיה"ק, ערשיינט א "דעת תורה" אויף פונעם ביד"צ אין חוץ לארץ, וועלכע זענען כסדר מוחה און מתריע און נעמען א שטייפן שטעלונג על כל דבר קטן וגדול, אפילו אין ענינים וואס זענען מיילן ווייט פון זייער טעריטאריע. איז דעריבער פלאי פלאים ווי אזא נושא וואס למראית העין זעהט דאס אויס אז זיי זענען די וואס זענען בכח דאס אפצושטעלן, זיי זענען בכח דאס ארויסצונעמען פונעם ציוני'סטישן בית משפט, עס איז בידם מונע צו זיין דעם שרעקליכן חילול השם, און דא פלוצלונג הילכט אפ א שרעקליכע שטילשווייגעניש.

אין די פאלגענדע בלעטער וועלן מיר זיך קאנצענטרירן בתכלית הקיצור ארויסצוברענגען דעם קול ענות פון דאס יהדות החרדית קעגן די מעשה פשע ורשע, מיט די איינציגע האפענונג אז דאס זאל עפענען די אויגן פון די ערליכע אידן אין זייער קרייז, און עס זאל געהערט ווערן דער אינערליכער פארלאנג פונעם ציבור יראים ושלמים אז דער סכסוך זאל געברענגט ווערן צו דין תורה.

חכמינו ז"ל זאגן אונז (ע"ז דף י"ח ע"א) "כל מי שיש בידו למחות ואינו מוחה נענש עליו", כדי מיר זאלן ח"ו נישט זיין אין דעם כלל, טוען מיר דאס ערקלערן דאס פאלגענדע:

מיר זענען מוחה קעגן דעם עוון פלילי פון נעמען א אידישן סכסוך בדיני ממונות און זיך נישט שטעלן צו דין תורה.

מיר זענען מוחה קעגן דעם שרעקליכן חילול השם פון זיך ווענדן צום בית המשפט, און דאס מעדיף זיין על דיני התורה.

מיר זענען מוחה קעגן דעם מדירה ובגידה במלכות שמים מיטן אנערקענען אינעם סמכות פון די ציונים עוקרי הדת, וואס ווי רביה"ק זי"ע שרייבט אין ספה"ק ויואל משה (מ"א סי' ק"א) "זה גרוע הרבה יותר מהילוך בערכאות בשביל תאות ממונו, דאילו כשהולך בערכאות בשביל תאות הממון אינו אלא כחירוף וגידוף בכ"ף הדמיון, אבל זה הוא "חירוף וגידוף ממש" וכו', אבל ישראל שקבלו את התוה"ק ונבחרו בזה מכל העמים, ואם מבעטים בתוה"ק לחוקק להם חוקי עכו"ם הרי זה ודאי כפירה גמורה בתורה הק', וברור שיש בזה הענין בלבד איסורא דיהרג ואל יעבור, מלבד האיסורים האחרים שיש בזה".

מיר זענען מוחה קעגן די ביטערע גזילה וגניבה ווען מען האט גרויזאם אוועק גענומען דאס ביסן פון מויל פון צענדליגער מרביצי תורה, מלמדי תשב"ר, מגידי שיעור, וואס קוקן ארויס אויף זייער מאגערע געהאלט, און דאס ווערט פון זיי צוגע'גזל'ט על לא עול בכפם.

מיר זענען מוחה קעגן די גזילה ווען מען האט פון צענדליגער חשוב'ע אינגעלייט, בני תורה ועוסקים על המחי' ועל הכלכלה, אוועק גענומען זייערע דירות, פאראורזאכנדיג שאדנס פון שווערע טויזנטער דאללארן.

גלייכצייטיג זענען מיר מודיע פאר די וואס זענען אחראי אויף די מעשה פשע ורשע, כל זמן די שרעקליכע מרידה במלכות שמים וועט נישט אפגעטון ווערן ממחנינו וועלן מיר נישט רוען!

מיר זענען אנטשלאסן אראפצונעמען דעם שמוץ וואס איר האט אנגעשמירט אויפן הייליגן ספה"ק ויואל משה, מיר וועלן אנגיין מיט די מחאה אויפן ריזיגן פארנעם, מיטן אויסשרייען אונזער ווי געשריי מקצה העולם ועד סופו, ביז ווען יעדעס קינד פון חדר וועט אהיימקומען פרעגן דעם טאטן "היתכן?!".

מיר וועלן צייגן פאר די גאנצע וועלט אז "ויואל משה אמת ותורתו אמת" און עס איז נישטא קיין מציאות צו נעמען די הייליגע שיטה און דאס אנלייגן נאר אויף יענעם, און זיך אליין איז דאס בכלל נישט מחייב.

מיר בעטן די אחראים בכל לשון של בקשה "יפה שעה אחת קודם!", בארעכנט אייך און ווי פריער טוט וואס איר דארפט צו טון אראפצונעמען די חרפה פון אונז, טוט עס ווילאנג איר ווילט נאך, נישט ווען איר וועט שוין מוזן בלית ברירה!

הרחמן הוא יחוס וירחם עלינו, ווען מ'זעהט שוין ווי ווייט און ווי ביטער עס איז אונזער מצב אין דעם ביטערן גלות, וישלח לנו משיחו הולך תמים בקרוב בימינו ומלכינו מרן רבינו שליט"א בראשינו, אנס"ו.

## למה רגשו גוים

ווי באקאנט איז דא צווישן די שיינענדע בריליאנטן אינעם קרוין פון מלכות סאטמאר די קהילה נאה וחסודה ד'סאטמאר בני ברק, אַ זעלטן חשוב'ע און באשיידענע קהילה קדושה מיט אלע צוגעהערן ברוחניות ובגשמיות, און באזונדער איז זי אויסגעצייכנט מיט איהר אהבה ואחוה ושלום ורעות מיט אן אויסערגעוועהנליכן אחדות און ווארימקייט.

אבער ווי קען דען דער שטן המשחית צוזעהן די פראכט פון אזא שיינע קהילה, דערפאר האט ער באשלאסן אריינצושטעכן אויך דארט זייערע נעגל, און ער האט געטראפן געוויסע שליחים וואס זאלן טון די ארבעט און זיי האבן ליידער אויסגערופן אַ מלחמת חרמה קעגן די ארטיגע הנהלת המוסדות והקהילה.

און אויף אנצוקומען צו זייערע פינסטערע ציהל איז די געמיינסטע מיטלען הייליג אלץ מער צו קענען רודפ'ן און דערקוטשען די סאטמארער קהילה אין בני ברק פאר זייער הארבן חטא זייענדיג ווי באקאנט מאוחד ומקושר רוב מנין ורוב בנין צום אילנא דחיי כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א די זעלבע ווי זיי זענען געווען מקושר און געטריי צו להבחל"ח כ"ק מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע.

עס איז ווייטאגליך און שאקירענד ווי אלע מיטלען זענען כשר געווארן אנצוקומען צום שרעקליכן ציהל, צו קענען רודפ'ן און ח"ו וועלן אונטערברענגען די קהילה, ווען מ'איז געגאנגען מדחי אל דחי, אבער ליידער איז דאס אנגעקומען פיל ווייטער ווי מיר האבן זיך געקענט פארשטעלן אין פינסטערן חלום.

**עס איז ווייטאגליך און שאקירענד ווי אלע מיטלען זענען כשר געווארן אנצוקומען צום שרעקליכן ציהל, צו קענען רודפ'ן און ח"ו וועלן אונטערברענגען די קהילה, ווען מ'איז געגאנגען מדחי אל דחי, אבער ליידער איז דאס אנגעקומען פיל ווייטער ווי מיר האבן זיך געקענט פארשטעלן אין פינסטערן חלום.**

## גניבת נכסי ציבור

אנגעהויבן האט זיך דאס תחילה לפורענות ווען מיט עטליכע יאהר צוריק האבן זיי זיך געוואנדן צו די "אפיס אוו קאפארעישאנס" (רשם החברות), און דורך פאלשע וועגן איבערגעשריבן דעם "שיכון קרית יואל" פון בני ברק אויף זייערע נעמען, דערמיט האבן זיי געוואלט גזל'ן די נכסי הציבור און ווערן דערויף בעלי בתים, און אזוי אנצוקומען צו זייערע ביזוויליגע פלענער, ה"י. (זעה בייגעלייגט פאטאסט נומער 1 פון איינע פון די פעלשערייען).

## מניעת הרחבת גבולי הקדושה

אין לויף פון די צייט דערנאך האבן די באטרעפענדע אנגעהויבן אַ רייע פינסטערע אקציעס צו שטערן די הרחבת גבולי הקדושה אינערהאלב די סאטמארער מוסדות אין ב"ב, צום ערשט האבן זיי איינגעגעבן אַ שטרענגן פארלאנג אין די שטאט-ראט אפצושטעלן די פראכטפולע איבערבוי פונעם בנין התלמוד תורה וועלכע האט דאן געהאלטן אינמיטן זיך בויען לשם לתהילה ולתפארת בית ה' (נדבת לבו פון הרבני הנגיד המפואר מוה"ר חיים לאקס ז"ל).

זיי האבן געבויעט זייער פארלאנג אויף ביזוויליגע טענות, ווי כאילו זיי זענען די בעלי בתים אויפן שיכון און לויט זייער שאצונג פעלט נישט אויס צו פארגרעסערן די בנין התלמוד תורה (הערט און שטוינט דאס האבן איינגעגעבן אידן שומרי תו"מ צוליב תאוות השררה)...

מיט סייעתא דשמיא האבן די שטאט-ראט אפגעווארפן זייער פארלאנג, באטאנענדיג אז זיי קענען נישט די נייע בעלי בתים, און ביז ווילאנג זיי וועלן נישט באקומען קיין געריכטליכן תוקף ווערן זיי נישט איינערקענט ביי זיי אלס בעלים, נאר זיי וועלן ווייטער האנדלען נאר מיטן לאנג-יעריגער באגליבטער מנהל המוסדות והשיכון הרב משה חיים ווייס שליט"א, און אזוי האט מען ממשיך געווען און געענדיגט דעם הערליכן אויפבוי פון די תלמוד תורה.

**דער הערליכער בנין התלמוד תורה בבנינה**





#1

רשם החברות

מדינת ישראל / משרד המשפטים

**הודעה על העברת מניות**

[בהתאם לסעיף 52 לפקודות החברות (נוסח חדש), התשמ"ג-1983]

| קוד | מס' חברה | | |
|---|---|---|---|
| | ז | מס' סודר | סב |
| 29 | 51 | 015303 | 4 |

שם החברה

שכון קרית יואל בע"מ

רשם החברות והשותפויות
ח' 04. 2001
נתקבל

פרטי מעביר המניות

| מס' זהות – סב | מס' זהות – מס' סודר | מס' זהות – ז | שם המעביר – משפחה | שם המעביר – פרטי | תאריך העברה – שנה | תאריך העברה – חודש | תאריך העברה – יום | שם המניה | סמל המניה | ערך מניה – אג' | ערך מניה – ש"ח | מספר מניות מועברות |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | טיטלבוים | יואל | 98 | 12 | 31 | בכורה א | | 00010 | 0 | 1 |

פרטי מקבל המניות

| מס' דרכון – סב | מס' דרכון – מס' סודר | מס' דרכון – ז | שם המקבל – משפחה | שם המקבל – פרטי | כתובת – מקום | כתובת – רחוב | כתובת – מס' | שם המניה | סמל המניה | ערך מניה – אג' | ערך מניה – ש"ח | מספר מניות שקיבל |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ארה"ב | 1566166 961 | | טיטלבויים | זלמן לייב | U.S.A | Wilson st/ | 90 | בכורה א | | 00010 | 0 | 1 |

| מס' זהות – סב | מס' זהות – מס' סודר | מס' זהות – ז | שם המקבל – משפחה | שם המקבל – פרטי | כתובת – מקום | כתובת – רחוב | כתובת – מס' | שם המניה | סמל המניה | ערך מניה – אג' | ערך מניה – ש"ח | מספר מניות שקיבל |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | | | | | | | | |

הנני לאשר כי הפרטים בהודעה הינם נכונים ושלמים

שם ממלא הטופס: ווייגברגר שמואל יעקב
תפקידו בחברה: מנהל
תאריך: 27/04/01
חתימה: [signature]

הודעה זו תינתן רק על ידי החברה או מטעמה

רח/29 (1995)

רח' יפו 97, בניין "כללי" קומה 13 טלפון 02-209422, ת"ד 767 ירושלים 91007

מסמך זה הופק על ידי מחולל הטפסים של אסקי בע"מ 02-6248526, 03-5665240

פאטא-קאפי פון די שרעקליכן פעלטשעריי! ווי גלייך רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע
גיט איבער זיין בעלות אויפן שיכון פאר רז"ל ט"ב בשנת תשס"א (2001)
ארום צוואנציג יאהר נאך זיין הסתלקות...

נאך די דאזיגע דורכגעפאלענע פראבע האבן די מענטשן ווייטער נישט גערוהט און אלס געזוכט מיטלען און וועגן מיט וואס אימער צושטערן די ווייטערדיגע וואוקס פון די הייליגע מוסדות און די קהילה, זיי זענען געזעצן און מטכס עצה געווען הבה נתחכמה לו פן ירבה, און פרובירט אונטערצולייגן מכשולות אויף יעדן טריט און שריט, ווי מיר וועלן אַ טייל פון זיי שילדערן אין די פאלגענדע שורות:

אזוי ווי זיי האבן געהערט אז די הנהלת המוסדות האבן איינגעגעבן אַ פארלאנג אין די שטאט-ראט צו באקומען אַ היתר בניה (פערמיט) צו אויפבויען פרישע וואוינונג דירות אויפן לעצט-פארבליבענעם שטח אין שיכון, האבן זיי זיך גענומען צו אַ מאסיווע אקציע אפצוהאלטן די בוי-ערלויבעניש, זיי האבן דערביי משקיע געווען צענדליגע טויזנטער דאלער (!), געדונגען די גרעסטע און געניטע לאיער'ס, און פאברענגט לאנגע שעות אין די שטאט-ראט אלס נאר זיי אפצוהאלטן פון געבן די פערמיט'ס פאר די סאטמארער מוסדות וועלכע ווילן (ח"ו) בויען וואוינונג דירות פאר די בני הקהילה וועלכע זענען נויטיג אויף דירות און קוקן ארויס דערויף.

**די שטאט-ראט וועלכע האבן געפרעגט מיט שטוינונג וויאזוי קען דאס זיין אז "סאטמאר" רופט אונז אין קארט - נישט דייקא אלץ ציונות נאר אלץ פשוט'ע עבירה פון ערכאות - זיי זענען דאך פרומע אידן און ווען אַ געוויסע פרומע קרייז וויל זיי פארהאלטן אויף עפעס רופט מען זיי צום בית דין כדרכה של בני תורה ?**

וכי יד ה' תקצר? אויך ביי דעם איז בחסדי השי"ת צעווארפן געווארן זייערע פלענער, און טראץ די שטארקע באמיהונגען און אומאויפערליכן טערראר וחילול ש"ש מיט וועלכע זיי זענען אנגעגאנגען קעגן די שטאטראט א.א.וו. צו פארמיידן די בוי-ערלויבעניש פאר חסידי סאטמאר, איז אבער ווידער זיי נישט געלונגען צו שטערן די הרחבת גבולי הקדושה, און די גרויסע זכות פונעם מייסד המוסדות רבינו הקוה"ט זי"ע האט מגין געווען און צובלאזן זייער מחשבה רעה, און זה לעומת זה האבן די הנהלת המוסדות זיך גענומען צום בויען אויפן שטח מיטן פולסטן טעמפא.

## הליכה בערכאות נגד ראשי העיר

אום חודש אדר תשס"ו לפ"ק האט די הנהלת המוסדות באקומען די פערמיט פון די שטאט-ראט צו בויען אויפן ליידיגן שטח, און גלייך נאך יו"ט פסח האט דער ענערגישער מנהל ר' משה חיים שליט"א זיך גענומען צום בויען די דירות פאר די אינגעלייט וואס האבן שוין אזוי געווארט אויף דעם.

די באטרעפענדע האבן צוגעקוקט מיט אנגסט און צארן וויאזוי דער הייליגער שיכון גייט זיך פארברייטערן עס גייט ווערן געבויעט נאך היימישע דירות פאר אידן וחמתם בערה בהם, נישט זעהענדיג קיין אנדערן מיטל האבן זיי צום ערשט אנגעהויבן מיט אַ קלענערע עבירה אַ שטילערע חילול שם שמים, זיי האבן גערופן די שטאט-ראט אין ערכאות הציוני, היתכן אז זיי האבן ארויסגעגעבן אַ פערמיט פאר – לשיטתם - די נישט ריכטיגע בעה"ב.

עס איז איבעריג צו זאגן וואספארא בזיון וקלון דאס האט פארשאפט אנטקעגן די שטאט-ראט וועלכע האבן געפרעגט מיט שטוינונג וויאזוי קען דאס זיין אז "סאטמאר" רופט אונז אין קארט - נישט דייקא אלץ ציונות נאר אלץ פשוט'ע עבירה פון ערכאות - זיי זענען דאך פרומע אידן און ווען אַ געוויסע פרומע קרייז וויל זיי פארהאלטן אויף עפעס רופט מען זיי צום בית דין כדרכה של בני תורה ?

אויב איז דאס נישט כדי בזיון וקצף איז די חרפה געשטיגן פיהל מער ביים הירונג אין קארט ווען דער שופט האט פארגעהאלטן זייער לויער פארוואס מ'קומט זיך נישט אויס ביי די רבנים פון שטאט אזיווי ביי אלע פרומע קרייזן, האט זייער לויער געענטפערט מיט פאטאס אז "זיינע משלחים גייען נישט צו קיין רבנים ווייל אלע בתי דינים זענען אונטערגעקויפט, פארדעם ווילן זיי גיין נאר אין בית המשפט" עפ"ל.

**ווען דער שופט האט פארגעהאלטן זייער לויער פארוואס מ'קומט זיך נישט אויס ביי די רבנים פון שטאט אזיווי ביי אלע פרומע קרייזן, האט זייער לויער געענטפערט מיט פאטאס אז "זיינע משלחים גייען נישט צו קיין רבנים ווייל אלע בתי דינים זענען אונטערגעקויפט, פארדעם ווילן זיי גיין נאר אין בית המשפט" עפ"ל.**

אלע אוועזנדע זענען אריינגעפאלן אין אַ שאק הערנדיג די שוועכיגע רייד, די חילול ה' האט געריסן אין הארץ צוזעהנדיג ווי ישראל כשהן יורדין יורדין עד למטה.

**#2**

עו"ד משה שוב
- 4 -06- 2006
נתקבל..

בית משפט מחוזי תל אביב-יפו
הפ 678/06 ( בשא 12224/06 )
שכון קרית יואל ב. וייס חיים מש
(בתיק שכון קרית יואל ב. ויי..)
ת.פתיחה:30/05/06 סדר דין: רגיל
מספר תיק חדש: הפ 72510-05/06

בית המשפט המחוזי
תל-אביב

**המבקשת:** שכון קרית יואל בע"מ ח.פ. 51-015303-42.

ע"י ב"כ עוה"ד י.א. קנטור, י. מירון,
מ. רז, י. רייזנברג, צ. קורץ, ע. זמיר,
ס. קנטור, י. פוקס, ד. עבאדי, א. סקורניק,
ו. ראודור, מ. מירון ו – ד. קרבר

מרח' מונטיפיורי 33 תל – אביב
טל: 03-5606868 פקס: 03-5604466

- נגד –

**משיב:** 1. משה חיים וייס

ע"י באי כוחו ממשרד עוה"ד מ. שוב ושות'
מרח' ויצמן 2, תל אביב
טל: 03-6932000, פקס 03-6932001

**משיב פורמלי** 2. רשם החברות
מרח יפו 97, ירושלים

## בקשה לצו מניעה זמני במעמד צד אחד

ית המשפט הנכבד מתבקש בזאת ליתן צו מניעה זמני במעמד צד אחד האוסר על המשיב 1 לבצע ת הפעולות כדלהלן:

1. לחתום על כל מסמך שהוא כמנהל במבקשת (להלן: "המבקשת ו/או החברה") וכן לעשות בפועל כל פעולה אחרת שהינה בסמכות מנהל החברה ו/או מורשה חתימה, לרבות איסור על חתימה על חוזים ו/או התקשרויות, בקשות שונות ו/או כל מסמך אחר כלשהו בשם החברה.
2. להוציא כספים בדרך כלשהי מהחברה ו/או הוצאת כספים בשם החברה.
3. לבצע כל פעולות בניה ו/או חפירה ו/או כל פעולה אחרת במקרקעין של החברה בכלל ובמקרקעין הידועים כגוש 6190 חלקה 360 המצויים ברחוב ישמח משה 19 בבני ברק, בפרט, אם בשמו ואם בשם מי מטעמו.

...גול, עם צדדי ג' כלשהם למכירת זכויות
...לגרום לתסבוכות משפטיות וכלכליות

...יב מהוות פגיעה של ממש בזכויותיה
...מבקשת.

...ההליכים מחוץ לכתלי בית המשפט.
...המנהלית אותה הגישה המבקשת, פנתה
...בענין. המבקשת המתינה עד לקבלת
...ממנו לפעול בהתאם להחלטת הרשם.
...שם ובניגוד לשנקבע בפסק הדין בעתירה

...**לאורך כל הדרך ולו ראיה אחת**
...**החברה** וכל העת הוא מנסה למנוע
...הוא קובע עובדות בשטח מתוך תקוה

מנדל זאב ולדשטיין, מנהל

## אישור

מאשר כי ביום 29.5.06 הופיע במשרדי שברחוב מונטיפיורי 33 בתל-אביב, מר מנדל זאב ...שטיין המוכר לי באופן אישי, ולאחר שהזהרתיו כי עליו לומר את האמת וכי יהיה צפוי ...שים הקבועים בחוק באם לא יעשה כן, אישר את נכונות הצהרתו הנ"ל וחתם עליה בפני.

ישראל פוקס
עו"ד
מונטיפיורי 33, ת"א

**די פארלאנג אין ערכאות אויפן 'סטעי' אנטקעגן מוסדות סאטמאר ב"ב**

אבער דאן האבן די בני הקהילה און הנהלת המוסדות אביסל אפגעאטעמ'ט, מ'האט געלויבט צום באשעפער אויף זיינע גרויסע חסדים, און גלייכצייטיג געבעטן און געהאפט אויפן עתיד שלא ינוח שבט הרשע, און די ראשי הכת זאלן נישט קענען ח"ו אויספיהרן זייערע ווייטערע בייזע פלענער קעגן די מוסדות הק'.

## הליכה בערכאות הציוני

נאך וואס זיי זענען דורכגעפאלן מיטן משפט אנטקעגן די שטאט-ראט און דא נעמט זיך שוין ווייטער די מוסדות זיך בויען די דירות פאר די אידן, זייער הויט האט געברענט "איככה נוכל וראה באובדן מולדתם" ווי אזוי האלט מען דאס אפ, עס טאר דאך אזא זאך נישט געשעהן מ'זאל בויען דירות פאר אינגעלייט וואס שטימען נישט אין איין שיטה מיט זייער גאנג.

ג' סיון תשס"ו - אין די סאמע שלשת ימי הגבלה וועלכע זענען טעג פון הכנה דרבה צו קבלת התורה, איז דאס יהדות החרדית איבער דער גאָרער וועלט געכאַפּט געוואָרן אין טיפן שאָק פון די מעשה נבלה וואס לאָזט זיך נאָכנישט גלויבן; דאָס האַרץ האָט פּאַרפעלט א קלאַפּ און די געפילן זענען ווי אָפּגעשטאָרבן אויף טויט.

די ראשי הכת האבן ברגל גסה געבריקעט אין די תורה הק' און אריינגעשטאכן אַ מעסער אין אונזער הייליגן רבי'ן רביה"ק זי"ע, זיי האבן אומגלויבליך זיך געוואנדן צו די ערכאות הציוני און זיי געבעטן אז דייקא דער "בית המשפט הנכבד" זאל מכריע זיין לויט די ציוני'סטישע געזעצן ווער עס זענען די ריכטיגע בעלים אויפן שיכון קרית יואל (זעה בייגעלייגט פאטאסט נומער 2 די תביעות אין ערכאות הציוני).

נישט די שטאט-ראט, נישט די גוברנאַטער, נישט כופרים ואפיקורסים, און נישט מסיתים ומדיחים. ניין! נישט

די אַלע מענטשן האבן זיי געקלאָגט אין געריכט, זיי האבן זיך בכלל נישט געזוכט צו באַהאַלטן אונטער קיין שום שלייער און מאַנטל, נאָר מ'האָט אויפגעהויבן א האַק אויף די תורה הקדושה און געקלאָגט אין געריכט דעם מנהל המוסדות, הרבני החסיד המפורסם מו"ה משה חיים ווייס שליט"א, דער לאַנגיעריגער מנהל המוסדות ומנהל שיכון קרית יואל אין בני ברק, וועלכער איז פון די איינציגע וואָס זענען נאָך נתמנה געווארן אויף דעם הייליגן תפקיד דורכ'ן מייסד המוסדות, מרן רבינו הקוה"ט מסאטמאר זי"ע. יאָ, ליידער אים פערזענליך האָט מען געקלאָגט אין געריכט.

מי יגלה עפר מעיניך רבינו הקדוש זי"ע אז צו דעם האט מען זיך דערלעבט. ועכשיו מת רבי.

עס לאָזט זיך פשוט נישט גלייבן וואס דאָ טוט זיך! על פי דעת תורתינו הקדושה איז דאָס עצם גיין זיך מתדיין זיין ביי דעם "ציוניסטישן געריכט" אַ איסור חמור פון "יהרג ואל יעבור"! און דער עצם איסור פון גיין צו יענעם געריכט איז פיל האַרבער ווי דער איסור פון ערכאות של עכו"ם ערגעץ-אנדערש. וואו אין דער וועלט וואָלט מען זיך געקענט פאַרשטעלן אַז אייגענע "תלמידים וחסידים" זאָלן נעמען א האַק און בועט זיין בתורתינו הקדושה זיך צו גיין דן זיין בחוקי הממשלה הטמאה וואס איז מיוסד אויף כפירה במלכות שמים און האַרבע איסורי פון יהרג ואל יעבור.

**עס לאָזט זיך פשוט נישט גלייבן וואס דאָ טוט זיך! על פי דעת תורתינו הקדושה איז דאָס עצם גיין זיך מתדיין זיין ביי דעם "ציוניסטישן געריכט" אַ איסור חמור פון "יהרג ואל יעבור"! און דער עצם איסור פון גיין צו יענעם געריכט איז פיל האַרבער ווי דער איסור פון ערכאות של עכו"ם ערגעץ-אנדערש. וואו אין דער וועלט וואָלט מען זיך געקענט פאַרשטעלן אַז אייגענע "תלמידים וחסידים" זאָלן נעמען א האַק און בועט זיין בתורתינו הקדושה זיך צו גיין דן זיין בחוקי הממשלה הטמאה וואס איז מיוסד אויף כפירה במלכות שמים און האַרבע איסורי פון יהרג ואל יעבור.**

## ילמדינו רבינו, וואס איז מותר און וואס איז אסור?

די ווייטאג איז ביטערליך און שרעקליך, כלפי די פרומע קרייזן אין א"י וואס זענען ליידער נאכגעשלעפט נאך די עגל הציוני, מיטן נעמען אנטייל אין די טריפה'נע וואלן וכדו', וואס דערמיט ווייזן זיי אז זיי טוהן ליידער אנערקענען אינעם מלכות הרשעה וכפירה.

זיי דרייען זיך ארום ותמיהתם בפיהם, מה נשתנה העבירה הזה מכל העבירות? פארוואס ווען עס קומט צו די טמאנ'ע וואלן הייבט מען אויף א קול זעקה ומחאה, מ'טאר נישט גיין צו די בחירות הטמאות ווייל דערמיט ווייזט מען איינערקענונג אין די מדינה הציונית, און דא, ווען עס רעדט זיך פון גיין אין "ציוניסטישן געריכט" איז אלעס שטיל, וואס איז?

**#2**

בית משפט מחוזי תל אביב-יפו
הפ 678/06
שכון קרית יואל ב. ויים חיים מש
ת.פתיחה:30/05/06 סדר דין: רגיל
מספר תיק חדש: הפ 72510-05/06

**בבית המשפט המחוזי**
**בתל-אביב**

**המבקשת:** **שכון קרית יואל בע"מ ח.פ. 51-015303-42.**

ע"י ב"כ עוה"ד י.א. קנטור, י. מירון,
מ. רז, י. ריזנברג, צ. קורץ, ע. זמיר,
ס. קנטור, י. פוקס, ד. עבאדי, א. סקורניק,
ו. ראודור, מ. מירון ו – ד. קרבר

מרח' מונטיפיורי 33 תל – אביב
טל: 03-5606868 פקס: 03-5604466

**- נגד –**

**המשיב:** .1 **משה חיים וייס**

ע"י באי כוחו ממשרד עוה"ד מ. שוב ושות'
מרח' ויצמן 2, תל אביב
טל: 03-6932000, פקס 03-6932001

**משיב פורמלי** .2 **רשם החברות**
מרח' יפו 97, ירושלים

**מהות התובענה:** פסק דין הצהרתי.

## המרצת פתיחה

**בית המשפט הנכבד מתבקש בזאת ליתן פסק דין הצהרתי כדלקמן:**

**(א)** **להורות למשיב 2 שלא לשנות את מרשם החברה ברשם ככל הנוגע לבעלי המניות בחברה, מנהלי החברה, וזאת בהתייחס לעבר (עד ליום הגשת בקשה זו).**

**(ב)** **כי על פי תקנון המבקשת ועל פי החלטות המוסדות המוסמכים בחברה ועל פי כל דין, בעלי המניות במבקשת ומנהלי המבקשת הינם כדלקמן:**
**בעלי המניות בחברה:**

| | |
|---|---|
| **הרב פרידמן משה -** | **בעל 2 מניות רגילות.** |
| **הרב זלמן לייב טיטלבוים -** | **בעל 1 מניית בכורה א'.** |
| **וייס שמעון -** | **בעל 166 מניות בכורה ב'.** |
| **הרמן גליק -** | **בעל 158 מניות בכורה ב'.** |

**תצהיר**

**057050 לאחר שהוזהרתי להצהיר את האמת ושאם לא**
**חוק, אני מצהיר בזה בכתב כדלקמן:**

ל בע"מ (להלן: "החברה" ו/או "המבקשת") והנני עושה
שהגישה החברה כנגד מר משה חיים וייס (להלן:
משפט המחוזי בתל אביב. עניינה של התובענה הוא

ה החל מחודש פברואר 2005. כך שכל האמור בתצהירי
ה הינה, בעיקר, בהתאם לעולה מהמסמכים שברשותי
ת של החברה.

א המציא לאורך כל הדרך ולו ראיה אחת
פעול **בשם החברה** וכל העת הוא מנסה למנוע
תוך כדי שהוא קובע עובדות בשטח מתוך תקוה
שבכך יוכל למנוע את רוע הגזירה.

זהו שמי, זו חתימתי ותוכן תצהירי דלעיל אמת.

מנדל זאב ולרשטיין, מנהל

**דער שוידערליכע תביעה אין בית משפט הציוני אקעגן דער מנהל המוסדות**

ביי יעדע קלאגע וואס מען גיבט אריין אין געריכט חתמ'ט מען פון פאראויס אז מ'איז מקבל אויף זיך בנאמנות די געזעצליכע פונקטן וואס זענען באשטימט געווארן דורך די ממשלת הכופרים, ה' ירחם. קומט דאך אויס אז מיטן אריינגעבן אַ קלאגע אין "ציוניסטישן געריכט" שרייבט מען אונטער אז מ'דערקענט איין ח"ו אין די חוקי המדינה הטמאה, רח"ל.

א איד א תלמיד חכם פון א פרעמדן קרייז אין א"י, האט געטראפן איינער פון די שיינע אידן ביי די צד שכנגד און איהם געפרעגט: היתכן, סאטמארער חסידים גייען אין ערכאות? האט ער איהם געענטפערט: מיר האבן אַ היתר פון א נייעם בית דין אין ירושלים, לאכט איהם יענער אפ מיט שפאס און געלעכטער: איך מיין אז אויף צו גיין צו די בחירות פאר די מדינה הציונית האבן מיר נאך א היתר פון אזא חשוב'ע בי"ד ווי ענק... שומו שמים!!!

**היתכן, סאטמארער חסידים גייען אין ערכאות? האט ער איהם געענטפערט: מיר האבן אַ היתר פון א נייעם בית דין אין ירושלים, לאכט איהם יענער אפ מיט שפאס און געלעכטער: איך מיין אז אויף צו גיין צו די בחירות פאר די מדינה הציונית האבן מיר נאך א היתר פון אזא חשוב'ע בי"ד ווי ענק... שומו שמים!!!**

עס איז אומגלויבליך אז בדבר שנצטער בו אותו צדיק - רבינו הק' בעל ויואל משה זי"ע, יכשלו בו זרעו - זיינע א.ג. תלמידים וחסידים, עס ציפט דאס הארץ צו טראכטן די הארבקייט פון די חילול כבודו ודעת תורתו פון רביה"ק זי"ע, ווען עס איז ליידער מקויים געווארן ביי איהם "בנים גדלתי ורוממתי והם פשעו בי"!

## חטאו בכפליים

עס איז וויכטיג אריסצוברענגען די טאפלטע עבירה וואס זיי האבן אפגעטהון בשאט נפש, צום ערשט מיטן אריינגיין אין געריכט אן קיין שום היתר בי"ד און אפילו אן קיין מינדעסטע הזמנה לדין תורה פון פארדעם, אַ עבירה חמורה פאר זיך.

**בשאט נפש, צום ערשט מיטן אריינגיין אין געריכט אן קיין שום היתר בי"ד און אפילו אן קיין מינדעסטע הזמנה לדין תורה פון פארדעם, אַ עבירה חמורה פאר זיך.**

און בנוסף צו דעם האבן זיי עובר געווען אַ עון בל יכופר מיטן זיך ווענדן צום ציוניסטישן געריכט, וואס דער רבי זי"ע שרייבט אויף דעם אין ויואל משה (מאמר ג' שבועות סי' ק"א) אז ס'איז ביהרג ואל יעבור.

## בושנו וגם נכלמנו לעיני העמים

די ביטערע נייעס איז דערהערט געווארן אין די גאס מיט אַ שרעקליכן ווייטאג און שאק ביי די מחנה היראים והחרדים, און מיט אַ ליצנות'דיגן געלעכטער ביי די פרעמדע קרייזן און ביי די פרייע פרעסע, יעדער האט באטראכט מיט וואונדער די געוואגטע שריט וואס קיין פרומע אידן דערוואגן זיך נישט צו טוהן, איבערהויפט ווען דאס איז אן קיין שום היתר בית דין אדער אפילו איין הזמנה לדין תורה.

די ארגסטע און נידעריגסטע שטאפל פון די גרויסע חילול ש"ש האט דערגרייכט ווען אין די פרייע טמא'נע ראדיא האט מען דאן געמאלדן מיט אַ פרעכן ליצנות און הנאה אז סאטמארער חסידים האבן אנגעקלאגט די סאטמארער מוסדות אין די ציוניסטישן געריכט, אוי לאותה בושה ואוי לאותה כלימה!

און אויב איז דאס נישט גענוג געווען אויף צו אפלאכן די הייליגע שיטה פון רביה"ק זי"ע, האט די בזיון ועלבון התורה נאך מער געשטיגן ווען אין די גרעסטע ציוניסטישן טמא'נעם צייטונג (ידיעות אחרונות) איז ברייט אויסגעשמירט געווארן די "גרויסע" נייעס אז סאטמאר האט זיך געבויגן און איינדערקענט אין די חוקי המדינה רח"ל, צוליב געלט פראבלעמען, איז דען שייך אַ גרעסערן "רבים דקרו" פון דעם? וואס וועלן זיי ענטפערן ביום הדין? (זעה בייגעלייגט פאטאסט נומער 3 פון די פרייע צייטונג).

תלמידי וחסידי רביה"ק זי"ע דרייען זיך ארום מיט אנגסט און בושה, נישט קענענדיג אויסהאלטן די אומדערטרעגליכע ליצנות און חרפה לעיני כל, ווען אמאל פלעגן די פרייע צייטונגען זיין פארנומען אפצולאכן פון רבינו הק' ושיטתו הקדושה והטהורה אויף זיין התלהבות'דיגע מלחמת ה' בעמלק, און אצינד לדאבונינו וחרפתינו לאכן זיי אפ אויף אַ פארקערטן ריכטונג אז די סאטמארער חסידים בייגן זיך צו די מדינה ווען עס קומט צו געלט פראבלעמען.

#3

**שניים אוחזין בשכונה**

# סאטמר: בעניין כספים מוכנים להכיר במדינת ישראל

מאת **עופר פטרסבורג,**
כתב "ידיעות אחרונות"

למרות שחסידות סאטמר לא מכירה במדינה הציונית, כשמדובר בכסף גם מסדרונות החוק הישראליים מספיק טובים: קרב שליטה בין שני

הדירות בשכונה נמצאות רשומות על שם חברת "שיכון קריית יואל בע"מ", המנוהלת על ידי עמותת "מוסדות סאטמר" שהקימה את הב־ניינים. המריבה היא על השליטה בחברה ובע־מותה המנהלת. מאחורי חברת "שיכון קריית

**דער טמא'נער צייטונג ידיעות אחרונות שפעט אפ אז סאטמאר האט זיך געבויגן און איינדערקענט אין די חוקי המדינה רח"ל, צוליב געלט אינטערעסן**

## זה לשון קדשו פון רביה"ק זי"ע בספה"ק ויואל משה
"מאמר שלש שבועות" (סימן ק"א):

"הנה ידוע גודל האיסור לילך בערכאות עכו"ם וכו׳, דהוא מייקר שם אלילים, ולשון הרמב"ם והטור ושו"ע סימן כ"ו דהוי כאילו חירף וגידף והרים יד בתורת משה, והוא שבשביל שמניח תורת ה׳ התמימה ובוחר בדיני עכו"ם הרי הוא בזה כמודה לדתם וכו׳. וכל זה מיירי אף ביחיד שהולך לדיני עכו"ם לטובתו ולהנאתו, ואינו בשביל שנותן יותר חשיבות לדיני עכו"ם, אלא בשביל תאות ממונו שחושב להשיג יותר בזה, ומכל מקום הוי כמו חירוף וגידוף".

"ולפי זה המחוקקים חוקי עכו"ם לכוף את ישראל לחוקיהם בכל דבר וכו׳, אף שיש להם רבנים ודיינים המשרתים אותם, אבל במשפטיהם רוצים רק בחוקי עכו"ם, ובכוונה עוזבים לגמרי את התוה"ק, זה גרוע הרבה יותר מהילוך בערכאות בשביל תאות ממונו, דאילו כשהולך בערכאות בשביל תאוות הממון אינו אלא כחירוף וגידוף בכ"ף הדמיון, **אבל זה הוא "חירוף וגידוף ממש" וכו׳**, אבל ישראל שקבלו את התוה"ק ונבחרו בזה מכל העמים, ואם מבעטים בתוה"ק לחוקק להם חוקי עכו"ם **הרי זה ודאי כפירה גמורה בתורה הק׳, וברור שיש בזה הענין בלבד איסורא דיהרג ואל יעבור, מלבד האיסורים האחרים שיש בזה"**, עכלה"ק והנורא.

## אזהרות הרבנים

גליך נאך יו"ט שבועות האט זיך דער מנהל המוסדות הרב משה חיים הי"ו געווענדן צום חשוב'סטן אומפארטייאישן בית דין אין ארץ ישראל, די בי"ד קבוע ומומחה פון הגאון הגדול המפו' רבי נסים קארעליץ שליט"א, און איהם פארגעלייגט די מצב הענינים אז ער ווערט געקלאגט אין געריכט שלא ברשות בי"ד, און וואס ער זאל האבן באקומען פון פאראויס אַ הזמנה לדין תורה וכדומה.

די דיינים שליט"א זענען ערשטוינט געווארן פון די מעשה נבלה, און האבן געהייסן פאר ר' משה חיים הי"ו צו חתמ'ען שטרי בירורין אז ער איז גרייט צו שליסן די ענין ביים בית דין כדרכה של תורה, ווי פארשטענדליך האט ר' משה חיים גע'חתמ'ט אויף די שטרי בירורין.

דאן האט דער בי"ד ארויסגעשיקט דריי בריוון צום תובע בערכאות מענדל וואלערשטיין פון ירושלים, וואו זיי פאדערן זיי אויף בכל תוקף זיך צו ארויסציען זאפארט פון ערכאות און אפשטעלן די חילול שם שמים, ווייל די הנהלת המוסדות איז גרייט זיך צו שטעלן צו אַ בית דין אדער בוררות.

**ווי ווייטאגליך איז אבער דער פאקט אז לעומת דעם האבן די ראשי הכת געדרייט די ביד"צ מיט תירוצים שונים ומשונים אזוי ווייט אז ביזן היינטיגן טאג – באלד דריי יאהר - האבן זיי נאנישט גע'חתמ'ט אויף קיין שטרי בירורין.**

דער בי"ד האט באטאנט פאר'ן צד שכנגד קלאר און דייטליך אז איז אין אזא פאל ווען די צד הנתבעים זענען מוכן זיך צושטעלן צו דין תורה און האבן שוין אויך גע'חתמ'ט שטרי בירורין, איז נישט שייך אויף קיין שום אופן שבעולם צו מתיר זיין די הליכה בערכאות, קיין שום היתר פון סיי וועלכן באצאלן מורה הוראה עס זאל נאר זיין קען דאס נישט מתיר זיין.

אפילו דאס פארטיידיגן וואס יעדער פארשטייט אז דאס איז מחוסר ברירה, האט אבער אויך די הנהלת המוסדות זיך צורוקגעהאלטן נאר נאכן באקומען א מפורשע היתר בכתב אז זיי מעגן זיך דערוויל גיין פארטיידיגן אין ערכאות און אפענטפערן די רשעות'דיגע אויפאדערונגען פון די ראשי הכת (זעה בייגעלייגט פאטאסט נומער 4, 5, און 6, די ווארענונג'ס בריוון פון בי"ד).

## הוראת הבי"ד הגדול שבירושלים

אין חודש אב תשס"ו נאך וואס די הנהלת המוסדות האט זיך איבערגעצייגט אז זיי לאבן זיך אויס פון די בית דין און זענען ממשיך מיט די הליכה בערכאות בקשיות עורף, האט מען זיך געווענדן צום בית דין הגדול שבירושלים אז זיי זאלן ארויפצווינגען אויף די ראשי הכת אז זיי זאלן ארויסגיין פון די ערכאות הציוני און זיך שטעלן צו אַ זבל"א וזבל"א.

**תיכף דערנאך דער מנהל המוסדות ר' משה חיים הי"ו ואתו עמו אלע חברי הנהלת המוסדות אונטערג'חתמ'ט שטרי בירורין ביים ביד"צ העדה החרדית אזוי ווי די הוראת הרבנים שליט"א**

דאן איז די ביד"צ אין שפיץ פון כ"ק גאב"ד ירושלים שליט"א ארויסגעקומען מיט אַ הוראה ברורה אז מ'דארף שוין ארויסגיין פון ערכאות הציוני און חתמ'נען אויף שטרי בירורין כדת של תורה.

ווי פארשטענדליך האבן תיכף דערנאך דער מנהל המוסדות ר' משה חיים הי"ו ואתו עמו אלע חברי הנהלת המוסדות אונטערג'חתמ'ט שטרי בירורין ביים ביד"צ העדה החרדית אזוי ווי די הוראת הרבנים שליט"א, (זעה בייגעלייגט פאטאסט נומער 7 די שטרי בירורין מיטן חתימה פון די אלע חברי הנהלת המוסדות).

ווי ווייטאגליך איז אבער דער פאקט אז לעומת דעם האבן די ראשי הכת געדרייט די ביד"צ מיט תירוצים שונים ומשונים אזוי ווייט אז ביזן היינטיגן טאג - באלד דריי יאהר - האבן זיי נאנישט גע'חתמ'ט אויף קיין שטרי בירורין.

## צו איז דא שייך אַ היתר בי"ד???

די מוסרים בבית המשפט הציוני האבן דאן זיך געוואלט אביסל פארענטפערן און פארדעקן זייער שאנד און קלון, האבן זיי אפירגעברענגט היתרים למפרע פון א.ג. מורי הוראה וואס זלאחר המעשה האבן זיי מתיר געווען למפרע די הליכה לערכאות.

**דעריבער מוז דא נאכאמאל באטאנט ווערן אַ וויכטיגע נקודה, וואס די רבנים שליט"א ברענגען דאס ארויס אין זייערע בריוון, און דאס איז די דעת תורה, אז דא אין דעם פאל איז בכלל נישט שייך קיין היתר בית דין, עס איז נישט דא קיין שום דרך שבעולם צו מתיר זיין את די הליכה בערכאות, צוליב צוויי פונקטן:**

1. **ווייל די כת התובעים בערכאות האבן קיינמאל פון פאראויס נישט געשיקט אַ הזמנה לדין תורה פאר די הנהלת המוסדות.**
2. **ווייל די הנהלת המוסדות שרייט אויס בשער בת רבים אז זיי זענען מוכן זיך צושטעלן צו אַ בי"ד אדער צו אַ זבל"א וזבל"א, און זיי האבן שוין אויך גע'חתמ'ט שטרי בירורין ביים בי"ד פון הרב קארעליץ שליט"א און אויך דערנאך ביים ביד"צ העדה החרדית.**

דעריבער פאלט אוועק יעדן אויסרייד אונטער'ן שלייער פון אַ היתר בית דין, וויבאלד דאס איז בכלל נישט שייך אין אזא פאל.

## עדיין עומדים במרדם

דא מוז קלאר און דייטליך באטאנט ווערן דעם ביטערן אומגלויבליכן פאקט אז עד היום הזה האבן די ראשי הכת אויסדריקליך נישט זיך ארויסגעצויגן פון די ערכאות הציוני, אפילו נאך וואס דער גאב"ד ירושלים שליט"א האט דאס נאכאמאל שארף געפאדערט פון זייערע שליחים.

נאר דער לויער מטעם די הנהלת המוסדות האט מצליח געווען דאס צייטווייליג איינצופרירן, מיטן אויסרייד אז די תביעה גייט פארגעלייגט ווערן ביי אַ בוררות פון רבנים.

אבער די קעיס מיט די תביעה אין ערכאות ליגט נאך כהיום הזה גרייט און אפן אין די ציוניסטישן געריכט!

## די ריזן הפסד ממון פון יונגעלייט

חוץ פון די שרעקליכע מעילה ובגידה במלכות שמים, חוץ פון דעם חרב מלחמה וואס איז אריינגעשטאכן געווארן אין די גאנצע מלחמה לה' בעמלק איז דא א באזונדערע ווייטאג איבער נכסי הקדש און נכסי ציבור.

ליידער אין לויף פון די דריי יאהר ווערן נעבעך באוויינט צענדליגע אלפים ורבבות דאלאר'ן פון צענדליגע אברכים פון די קהילה וואס גייען נעבעך יעדן חודש לטמיון, אדאנק די "סטעי" וואס די ראשי הכת האבן ארויסגענומען קאלט-בלוטיג אויף אפצושטעלן דאס בויען די בנין אויפן לעצט-פארבליבענעם שטח אינמיטן דעם שיכון קרית יואל וועלכע איז געווידמעט אויף וואוינונג דירות פאר די אינגעלייט.

בלית ברירה מוזן די דאזיגע אינגעלייט זיך דרייען אין געדונגענע לעכער און באצאלן טבין ותקילין פאר אַ דאך איבערן קאפ, וואס דאס איז אַ פרייז פון צום ווינגסטן ארום 600 $ אַ חודש און אריבער 7000 $ אַ יאהר פאר יעדן אינגערמאן באזונדער.

ווען מ'רעכנט דאס צוזאם פון אלע אינגעלייט און לויף פון די יאהרן קומט דאס אויס אַ נזק פון אפאר הונדערט טויזנט (!) דאלער וואס איז געגאנגען לטמיון פון די פריוואטע טאשן פון די אינגעלייט, שומו שמים !!!

## הרשעים כים נגרשו

ליידער זינט דאן סוף שנת תשס"ו ביז היינט אייר תשס"ט דריי יאהר דערנאך, האבן זיך די ראשי הכת באגענוג'ט מיט אט דעם ביטער'ן אפטוה פאר די אינגעלייט מיטן זיי נישט לאזן בויען די דירות, און ווי אויבנ-דערמאנט האבן זיי שוין ליידער שאדן געמאכט צענדליגע טויזנטער דאלארן.

אבער נאך דריי יאהר צוזעהנדיג אז די גבולי הקדושה אינערהאלב ווערן ווייטער נתרחב בעוז ובתפארת, עס גייט נישט צו צוברעכן דעם כח התורה והקדושה, האבן זיי באשלאסן צו ארויפגיין אַ שטאפל מיט די מסכת הפשעים און זיך צו נעמען צו די מלמדים מיט זייערע משפחות, זיי אפהאלטן דאס געהאלט און אפהונגערן די ברויט פון זייער מויל, ה' ירחם.

**חוץ פון די שרעקליכע מעילה ובגידה במלכות שמים, חוץ פון דעם חרב מלחמה וואס איז אריינגעשטאכן געווארן אין די גאנצע מלחמה לה' בעמלק איז דא א באזונדערע ווייטאג איבער נכסי הקדש און נכסי ציבור.**

די סיבה צו דעם איז ווי געזאגט פשוט און פארשטענדליך, די רשעים ווערן פון איין נידעריגן מיטל צום צווייטן אלץ מער נערוועז און דערביטערט צוזעהנדיג אז כאשר יענו אותו - ווי מער זיי פרובירן שוין עטליכע יאהר צו פייניגן און אונטערדריקן די קהילה קדושה, כן ירבה וכן יפרוץ - עס וואקסט און בליהט מחיל אל חיל לשם ולתפארת בית ה', און זייערע בייזוויליגע לאנג-געפלאנטע פלענער ווערן צונישט ווי אַ זייפן-בלאז אנטקעגן די פארנ'דיגע באן פון הרמת קרן התורה והיראה אינערהאלב די קהילה, אלע תכסיסי מלחמה ווערן צונישט אנטקעגן די הונדערטער משפחות יראים ושלימים בעלי בתים נכבדים יראי ה', הונדערטער אינגעלייט מופלגים בתורה ובחסידות, און צוגאב צו די נאנט צו צוויי טויזנט בליעה"ר תלמידי המוסדות בחורי חמד און ילדי התשב"ר אלע זרע ברך ה'.

## גזירת תשס"ט - גזילת המלמדים

דריבער האבן זיי אין די לעצטערע מאנאטן אנגענומען אַ אכזריות'דיגן אקט אנטקעגן די צענדליגע געטרייע כלי קודש אינערהאלב די מוסדות, זיי האבן בשאט נפש באפוילן פאר זייערע נאכשלעפער'ס אין בני ברק - וועלכע האבן מיט יארן צוריק ארויסגעדונגען די האטעל און די זאלן פון די מוסדות – אז זיי זאלן אפשטעלן צו באצאלן די דמי-שכירות פאר די מוסדות און דערמיט ח"ו אויסטרוקענען די מלמדים מגידי שיעור און מחנכים וועלכע טוהען זייער עבודת הקודש אין די תלמוד תורה און אין די ישיבה.

די האטעל און די זאלן זענען דאך ווי באקאנט געבויעט געווארן דורך די הנהלת המוסדות אין שפיץ פונעם באגאבטן לאנג-יעריגער מנהל הרה"ח ר' משה חיים ווייס שליט"א, מיט די הילף פון די נגידי ונדיבי אחינו בנ"י, מיטן היילגן ציהל צו דינען אלץ מקורות הכנסה פאר די מוסדות מ'זאל קענען אנגיין מיטן שווערן בודזשעט און באצאלן פאר די כלי קודש שליט"א זייערע מאנאטליכע געהאלט.

עס איז טאקע אומגלויבליך אבער ליידער אַ פאקט אז אַ געוויסע משפחה אין בני ברק - וואס האבן אדאנק זייערע געלט אינטערעסן זיך צוגעטשעפעט צו די כת ההולכים בבג"ץ – האלטן אפ פון די מוסדות די שכירות-געלט פון די "האטעל - מלון בני ברק" און פון די "חתונה זאלן - התמר און הדקל", זיי האלטן שוין היינט ליידער ביי אַ גזילה פון ריין הקדש-געלט ארום 180.000 $...

עס איז וויכטיג צו אנמערקן אז די דאזיגע שריט פון אפהאלטן דאס געהאלט גייט נאך אלץ אן טראץ די שארפע בריוון וואס די רבנים פון שטאט האבן געשיקט פאר די דאזיגע עלעמענטן וואו זיי האבן זיי שטרענג אויפגעפאדערט צו באצאלן תיכף ומיד יעדן פרוטה, און אויב זיי האבן עפעס אַ טענה זאלן זיי ח'תמנ'ען שטרי בירורין אזויווי די הנהלת המוסדות האט געטהון (בייגעלייגט פאטאסט נומער 8 ווי די רבנים פון שטאט פאדערן שטרענג צו באצאלן די שכירות פאר די מוסדות).

די שכירות-געלט וואס די שליחים להרע האבן אפגעהאקט באטרעפט אינאיינעם אַ סכום פון 22.000 $ יעדן חודש, און ווי אויבן דערמאנט האלט דאס שוין היינט צו טאג ביים אומגלויבליכן סכום פון נאנט צו 180.000 $ וואס איז באַגזל'ט געווארן אויפן חשבון פון די לחם לאכול ובגד לשתות פון די מלמדים ומחנכים מיט זייערע משפחות.

עס איז איבעריג צו שילדערן וואספארא שרעקליכע מצב דאס האט אנגעברענגט אין די שטובער פון כלי קודש מחנכים ומחנכות וועלכע קענען נישט צוליב דעם באקומען זייערע מאגערע געהאלטן שוין עטליכע חדשים ה"י, עוללים שואלים ללחם זיי בעטן זיך אויף ברויט צו עסן ואין פורש להם, זיי האלטן שוין נעבעך ביי אַ מצב פון נעילת דלת בפני לווין ביי אלע גמ"ח'ן אין שטאט, מ'האט פאר זיי מורא צו בארגן וויסנדיג אז זיי האבן דאס נישט פון ווי צו באצאלן ווייל זייערע געהאלטן ווערט גע'גזל'ט מיט אכזריות.

דוכט זיך אז יעדן איד וואס האט אין זיך די מידה פון רחמנות און הערט אט די ווייטאליכע און אכזריות'דיגן אקט ווערט אויפגעשוידערט עד עומקי נשמתו, עס כאפט יעדן אַ טרייסל און אַ ציטער אויף וועמענ'ס אחריות ווערן אויסגעהונגערט די צענדליגע משפחות, ווער וועט באצאלן אויף די געדריקטע שבתים וימים טובים וואס ווערן אצינד אפגעראכטן אין די שטוב'ער פון די מלמדים וכלי קודש, ווער שפירט זיך פאראיכערט מיטן צושטערן דעם פארגאנגענעם יו"ט פסח אין די דאזיגע שטובער, ווער פון די פירער און מנהיגים פון די כת קען אויפהייבן די הענט און זאגן "איך נעם דאס אויף מיר, ס'איז אויף מיינע פלייצעס"...

## לא תגנוב

עס איז איבעריג צו זאגן אז ישראל עם קדושים, די אידן אין בני ברק וואס זענען באקאנט מיט די שוידערליכע גזילת כספי הקדש, גיבן זיך אכטונג נישט צו נהנה זיין מן הגזל, און אסאך פון די וואס ווילן דערוייל מאכן שמחות אין די זאלן ווענדן זיך עפ"י הוראת הרבנים צו די הנהלת המוסדות און דינגען אפ די חדר יחוד און מקום החתונה עס זאל זיין אויסגעהאלטן עפ"י הלכה אן קיין חשש גניבה וגזילה.[1]

---

[1] ענליך צו דעם האט זיך די וואך אפגעשפילט מיט די א באקאנטע חשוב'ע חסידות אין בני ברק וועלכע פלעגן יעדעס יאהר ארויסדונגען די זאלן התמר און הדקל אויף יו"ט שבועות צוליב זייער רבוי העם מיט די פולע געסט פון אויסלאנד.

היי יאהר וויסנדיג פון די שערוריה נוראה אז די פירער פון די זאלן האלטן אפ די שכירות פון די מוסדות, האבן זיי זיך געווענדן צו די רבני העיר שליט"א אנפרעגן כדת מה לעשות, די רבנים האבן זיי געענטפערט בשפה ברורה אז ווי קען מען דאווענען אין אַ גע'גנב'טן זאל? וויאזוי קען מען ליינען די עשרת הדברות יו"ט שבועות און ארויס זאגן מיטן מויל דעם "לא תגנוב" ווען מ'שטייט אין אַ רשות גניבה וגזילה?

דערפאר האבן זיי זיך געווענדן צו די הנהלת המוסדות פארלייגנדיג אז שטייענדיג שוין אט פאר יו"ט בעטן זיי אז די הנהלה זאל זיי פארדינגען דעם זאל פאר געלט, און מ'האט טאקע צוגעשטימט און זיי געגעבן די ערלויבעניש צו נוצן די זאלן לויטן באשטימטן פרייז, און מיט אַ תנאי אז אויף די קומענדיגע ימים טובים וועלן זיי שוין מער נישט דינגען דעם זאל איידער זיי באקומען לכתחילה די ערלויבעניש דערפאר מצד די הנהלת המוסדות.

די דאזיגע ריכטיגן שריט פון די קהילה קדושה האט שטארק אפגעקלונגען אין די גאס, און עס רופט אויס ביי די תושבי העיר די ריכטיגע באווייזן וויאזוי זיך צו באפאסן מיט די גע'גנב'טע זאלן.

#8

# בית דין צדק

בראשות מרן הגאון רבי משה יהודא ליב לנדא שליט"א רב אב"ד דבני ברק
רח' יחזקאל 3 בני ברק, טל' 03-619-3582 פקס 03-579-8967

ב"ה כ"א חשוון תשס"ט

## הודעה ופניה

כל מי שחייב כסף לאולם "התמר" ולאולם "גני הדקל" עד לארבעים ואחד אלף דולר, חייב להעבירם למזכירות ביה"ד לכתובת הנ"ל, בימים א–ה בין השעות 18–20 כדי להעבירם למוסדות סאטמר רח' ישמח משה 22 בני ברק – מדין שעבודא דר' נתן. [כבר כמה חדשים שהאולמות אינם מעבירים תשלום שהצטבר ל–41,000$ שהם חייבים למוסדות].

מי שישלם לאולמות לאחר התאריך כ"ה חשון תשס"ט, יהיה חייב לשלם פעם נוספת למוסדות סאטמר.

וע"ז באעה"ח

בס"ד

פשוט שמחויבים לקיים החלטת ב"ד
והיא מחייבת על פי דין תוה"ק

יהודא סילמן
שריאל רוזנברג
יעקב פרבשטיין

## בית דין צדק – זכרון מאיר

בראשות מרן הגר"ש הלוי ואזנר שליט"א – אב"ד ור"מ ז"מ בני ברק
רח' רש"י 32 ת.ד. 1561 בני ברק. טל': 03-6186170 פקס: 03-5787847

ב"ה, עש"ק תולדות ר"ח כסלו תשס"ט

הננו בזאת לאמץ ולחזק את החלטת הבד"צ של כבוד המרא דאתרא דב"ב הגרמ"יל לנדא שליט"א, שניתן ביום כ"א חשון תשס"ט, בנידון העברת כספים לידי מוסדות סאטמר בני ברק, ולמזהיר ולנזהר שלומים תן כמי נהר.

ע"ז באעה"ח

הרב משה שאול קליין
הרב שמואל אליעזר שטרן
הרב ישראל ברגר

**דער דעת תורה פון די 3 בתי דינים פון בני ברק בנוגע די גזילה פון כספי הקדש**

## יסכר פי דוברי שקר

צום ענדע פונעם קונטרס ווילן מיר דא קלאר שטעלן די פאלגנדע נקודות.

**1. די ראשי הכת זענען געגאנגען אין די ערכאות הציוני אין טאג ג' סיון תשס"ו און געפאדערט צוויי זאכן, איינס אַ "סטעי" אויפן בויען די דירות פאר די יונגעלייט, צווייטנס אַ קלארע תביעה אנטקעגן די הנהלת המוסדות ובראשם דער מנהל הרה"ח ר' משה חיים ווייס הי"ו.**

**2. די ראשי הכת האבן זיך ניטאמאל געזארגט אפילו למראית עין צו האבן אַ היתר בי"ד בעפאר זיי האבן זיך געווענדן בערכאות הציוני אין די צייט וואס אַ עיקול (סטעי) קען מען דאך אויך באקומען דורך בי"ד, און קל וחומר אויפן תביעה וואס דאס איז מסירות ומלשינות ממש.**

**3. ערשט נאך וואס זיי האבן געזעהן וויאזוי די רבנים קומען ארויס קעגן זייער הארבע עבירה האבן זיי אפירגעברענגט היתרים פון בתי דינים מפוקפקים, אבער די רבנים שליט"א האבן זיי געענטפערט אז ס'איז נישט שייך קיין היתר בעולם אין אַ פאל ווי דא וואס דער אנדערע צד שרייט חי וקים אז ער איז גרייט זיך צושטעלן צו דין תורה אדער צו אַ זבל"א, און ער האט שוין אויך גע'חתמ'ט אויף דעם שטרי בירורין.**

**4. אויך נאך מערערע בריוון און אויפפאדערונגען פון די ביד"צ העדה החרדית אז זיי זאלן זאפארט ארויסציען זייער תביעה פון די ערכאות, האבן זיי דאס נאכנישט געטהון עד עצם היום הזה, זייער תביעה ליגט נאך היינט מוכן ומזומן אין בית המשפט הציוני רח"ל.**

**5. שוין דריי יאהר וואס די ראשי הכת דרייען ארום מיט תירוצים שונים ומשונים אלץ נאר נישט צו חתמ'נען שטרי בירורין און נישט אנצוקומען צו אַ בית דין שיקוב הדין את ההר כדת של תורה.**

**6. שוין עטליכע יאהר וואס די ראשי הכת זענען גורם צו הפסד ממון פון צענדליגע און צענדליגע טויזנטער דאלאר'ן פאר פריוואטע יונגעלייט וואס האבן געפלאנט שוין צו וואוינען אין די בנין וואס זיי האבן אפגעשטעלט אין בית המשפט הציוני.**

**7. שוין עטליכע מאנאטן וואס די ראשי הכת האלטן אפ מיט אכזריות די פת לחם פון די כלי קודש אינעהאלב די מוסדות הק', און צוליב זייער שוידערליכע גזילה ווערן זיי מיט זייערע משפחות אונטערגעדרוקט און אויסגעהונגערט מיטן לחם לאכול ובגד ללבוש, ה' ירחם.**

## סוף דבר

טויזענטער אידן תלמידי וחסידי רבינו הקדוש מסאטמאר זי"ע רופן אויס מיט א הילכיגן קול מחאה קעגן דעם שרעקליכן בזיון הקודש ווען אידן אונטערן נאמען "סאטמאר" האבן מעדיף געווען די חוקי המדינה הציוני העכער די דיני התורה הקדושה.

דער קול מחאה רופט צו אלע אחראים אויף די מעשי פשע "חדלו לכם! גייט ארויס פון ציוני'סטישן בית המשפט, און שטעלט אייך צו דין תורה!

כל זמן דאס וועט נישט געשעהן וועט איר נישט קענען אנגיין מיט אייער פאלשע קנאות פון מוחה זיין קעגן יעדן וואס באגייט טויזענט מאל קלענערע עוולות, און איר וועט זיך שפילן מיטן "ויואל משה" ווי דאס איז אייער אייגענטוהם.

א באזונדערע ווענדונג צו אחינו לדעה, תלמידי וחסידי רבינו הק' זי"ע וואס שטייען מאמענטאל אין זייער מחנה!

זייט נישט פון די וואס זענען אין א בחינה פון "יש בידם למחות ולא מיחו", גייט צו צו די דיינים שליט"א, די מנהלי הקהילה, די ראשי העדה, און פרעגט זיי "היתכן?!". אולי יעלה בידכם צוריק צו האלטן דעם שרעקליכן חילול השם.

ואחר אחרון ווענדן זיך מיר צו כל מי אשר דבר ה' יקר בעיניו, זאל זיך אנשליסן אין די הייליגע מערכה, צו העלפן פארשפרייטן דעם קול מחאה מקצה העולם ועד סופו, דורך פארשידענע פעולות און מיט דעם אפראטעווען דעם כבוד פון אבינו רועינו רביה"ק זי"ע וספרו הקדוש, פון דעם בזיון נורא וואס איז געשאפן געווארן דורך די וואס פאררופן זיך נאך אים.

# דברים כהוויתן והשתלשלות הענינים

## על פעולות שליחי כת ההולכים בערכאות הציוני
## לגזול נכסים ממוסדותינו הק' בבני ברק היל"ת

שנשמעו מאת הרבני הנכבד

## מוה"ר יצחק ברוך איגלאוויטש שליט"א

חבר הנהלת המוסדות

**בעצרת תפילה ומחאה שהתקיימה בבית מדרשינו הגדול "ויואל משה" שיכון קרית יואל ב"ב - ג' אחו"ק תשס"ט**

ברשות הרבנים הגאונים און דער ראש ישיבה שליט"א, מרביצי תורה כלי קודש און די מלמדים און כל הקהל הקודש הזה, אונז האבן מיר די וואכעדיגע סדרה די פרשת הכהנים, אין די גמרא איז א איספקתא צו כהנים זענען שלוחי דרחמנא צו שלוחי דידן, אונז קענען מיר זאגן בפה מלא 'אונז זענען מיר שלוחי דרחמנא ושלוחי דידן', שלוחים פון די גאנצע קהילה, ועל ראשם שלוחים פונעם רבי'ן זאל זיין געזונט, השי"ת יאריך ימיו ושנותיו בנעימים.

בעזהשי"ת ווען אונז וועלן קענען מברך זיין על המוגמר, וועלן מיר קענען פורס זיין די יריעה אסאך ברייטער ווי איך גיי יעצט זאגן, יעצט איז דאס נאך א זאך וואס מען קען נישט צופיל אויסברייטערן, איך וויל נאר אזויפיל דער עולם זאל האבן אן האנונג אין די צווי נושאים די 'האטעל' מיט די 'חתונה זאלן', ווייל אז מ'הערט פון א כלי שני איז לא ימלט דער איז מוסיף איין ווארט און דער אנדערער נאך א ווארט, און כל המוסיף גורע אזוי זאגן דאך חז"ל, און יעדער איינער טאפט ווי א סומא בארובה און נעבעך ס'איז דא אידן וואס גייען מיט א ווייעדיגע הארץ.

איך וועל פראבירן מצמצם זיין און זיך מתמקד זיין אביסל די תמצית וואס איז שייך אויף דברים כהוויתן וואס איך קען אביסל אראפ געבן, און אויף דעם איז נישטא קיין שום עוררים, וואס די הנהלה איז געזעצן מיט די צדדים.

ס'איז געווען א אסיפה אין די הנהלה ווען ס'איז אנגעקומען די נושא אז ס'ענדיגט זיך די קאנטקראקט מיט ר' מ.ו. נאך דריי חדשים, האט מען געשיקט בריוון פאר איהם, אז אזוויו נארמאל ווען מ'ענדיגט צוויי צדדים א קאנטראקט ער זאל קומען אריין אין אפיס, יעדע פינף יאר ביז יעצט האט ער געהאט א קאנטראקט, און יעדע פינף יאר איז מ'געזעצן און דן געווען בכובד ראש און די הנהלה האט געהאט צדדים לכאן ולכאן וואס מ'האט געוואלט און מ'איז דורכגעקומען, און אזוי איז דאס געגאנגען דריי מאל צו פינף יאר.

יעצט אז ס'ענדיגט זיך די קאנטראקט האט מען איהם געשיקט שיינערהייט אפאר בריוון ער זאל אריין קומען זיצן, ער האט נישט געענטפערט גארנישט אויף די בריוון, אונז וויסן מיר דאך נישט וואס ס'טוהט זיך א מענטש האט אסאך אויפן קאפ, צו אנדערע זאכן, אונז האבן מיר איהם דן געווען לכף זכות.

איז געזעצן די הנהלה און דן געווען, אז ס'מוז זיין איינער פון די הנהלה וואס זאל מוזן אריין גיין מיט איהם אין א משא ומתן, און אנהייבן צו זיצן מיט איהם און רעדן מיט איהם ער זאל קומען זיצן, האט די הנהלה פה אחד מחליט געווען און ארויף געלייגט אויף מיר, איך האב מיר קיינמאל נישט ארויס געגומען פון א החלטה פון די הנהלה וואס רבו חברי עלי, ס'קען זיין א דבר הקשה און א דבר הקטן, אפילו אזעלכע זאכן וואס ס'איז אומאיינגענעמע זאכן, איך ברויך נישט זאגן אין א קהילה וואס מ'הארבעט אסאך יארן מאכט זיך אלץ זאכן וואס איז אומב'טאעמ'ט, און מ'ברויך האבן די פאסיגע ווערטער ח"ו נישט פוגע זיין אישית, און ס'איז אלעמאל שווער אז איינער זאל דאס נעמען אין די האנט.

האט זיך אזוי געמאכט יעצט האט מען אויך ארויפגעלייט אויף מיר די זאך, און איך האב דאך נישט געהאט קיין פראבלעם, ווייל איך בין דאך א ידיד פאר דער מ.ו. אלע יארן, האב איך דאס אנגענומען און צוגעגאנגען און איהם געזאגט איך וויל מיט דיר זיצן און שמועסן, און די כוונה איז געווען א כוונה חיובית פון די הנהלה אז מ'וויל גיין ווייטער ממשיך זיין אין א קאנטראקט פון פינף יאר, ס'איז געווען דעמאלטס מהפיכות פון די מטבע, אלעס איז געווען 3.20 צו 3.30, און ווען דער דאלער איז נישט קיין דאלער איז דאס א נארמאלע זאך אז מ'מעג הייבן אין א נייע קאנטראקט.

הכלל האב איך איהם אפירגענומען, און איך האב איהם געזאגט גיב א קוק ר' מרדכי, אנשים אחים אנחנו אזוי ווי ביז יעצט, האסט געענדיגט א קאנטראקט קום אריין אין אפיס, אז ס'איז דיר אומאנגענעם אין אפיס קענען מיר גיין אין א נייטראלע פלאץ, קענסט ארויס נעמען סיי וועלכע צוויי חברי הנהלה און

אז דו ווילסט אז איך זאל זיצן מיט דיר קען איך אויך זיצן, און מיר וועלן דן זיין אויף דעם נושא פון דעם האטעל מ׳זאל קענען ווייטער אנגיין, האט ער געענטפערט ׳איך האלט נישט דערביי׳, דאס איז געווען די תשובה, האב איך חייש געווען אז אפשר מיינט ער אז מיר ווילן איהם איבערוואַרפן איבער׳ן דראנג, האט ער מיר געזאגט איך וויס ענק וועלן מיר געבן איינעם וואס וועט אויפהייבן א פרייז וואס יענער האלט נישט סיווי ביים צאלן, און עטץ וועט׳ס מיר דאס זאגן, במ׳ילא ווילן ענק מיר נאר ארויסוואַרפן.

האב איך איהם נאך מער געזאגט – און ס׳איז געווען אזוי אפגעשמועסט מיט די גאנצע הנהלה – און איך וויל זאגן אז דא ווערט גארנישט געטוהן אין קהילה קדושה אן דעם רבי׳ן זאל זיין געזונט – מ׳האט נישט קיין האנוגג ער ווייסט פון יעדן פרט און פרט – איך בין געווען נישט לאנג צוריק אויף א שמחה פון מיינע קינדער - פאר פסח – האב איך געהאט א לאנגע שמועס מיט איהם און איך בין שטיין געבליבן וויאזוי ער האלט מיט יעדן פרט און פרט, די קהילה איז ממש כבבת עינו, איז במילא לאזט זיך גארנישט זאגן אז אלעס ווערט געטוהן תורה׳דיג מיט איידלקייט און גרעסטן אצילות וואס איז שייך מ׳זאל קענען טוהן.

האב איך געזאגט ר׳ מרדכי, טאמער דו ביסט חייש אז מ׳וועט דירעקט צושטעלן איינער וואס וועט צושטעלן א היוכע פרייז כדי דו זאלסט דורכפאלן, אונז האבן מיר שוין די אלע זאכן אפגעוואַרט, יענער וועט מוזן געבן א גערענטי פון די באנק אויף דריי צו פיר יאר אז ער מוז צאלן דעם פרייז, אזוי אז ברויכסט נישט חייש זיין אז דאס איז א קנוניא, אזוי האב איך איהם מסביר געווען, האט ער געענטפערט, ׳איך הער וואס דו זאגסט, און אעפ״כ איך האלט נישט ביים זיצן מיט ענק, איך האלט נישט ביים זיצן מיט די הנהלה׳, און ער האט נאכדעם ארויס געלאזט זייעהר שארפע ווערטער, וואס איך וויל נישט איבער זאגן דא אין א מקום קדוש.

האב איך געזאגט ר׳ מרדכי, דאס איז יעצט א נייע זאך וואס איך הער, זאגט ער, ׳ס׳איז דא אזא זאך אז מ׳קען זיצן אין א וואוינוג און מ׳מוז נישט ארויס גיין, ס׳איז דא אזא זאך, און מ׳מוז נישט צאלן׳..

זאג איך איהם ר׳ מרדכי, אונז זענען מיר דאך אידן, יש דין בישראל, אונז וועלן מיר גיין צו דין תורה, און איך האב נאך מער געזאגט אז דו וועסט האבן א זכות קדימה, טאמער וועט זיין צוויי וואס וועלן געבן די זעלבע פרייזן, און יענער וועט געבן די גארנציע, פון דיר ברויך מען נישט די גארנציע, יענער וועט ברויכן געבן א גארנציע מיט ערבות פון די באנק, און דו וועסט קענען האבן א דין קדימה, איך זאג נאכמאל דאס האב איך געזאגט, און טאמער זאגט ער אז איך האב נישט געזאגט זאל ער קומען מכחיש זיין, דאס איז דברים כהווייתן.

האט ער מיר אלץ געגעבן די תשובה שלילית אויפן פלאץ, האב איך איהם געזאגט אפשר שלאף זיך דורך א נאכט צוויי נעכט, ווייל די תשובה וואס דו גיבסט תיכף, דאס איז מעורר א געוויסע חשד אז דו קומסט מיט א דיעה קדימה מיט א געוויסע זאך, טראכט אריין וואס דו טוהסט א טאג און וואך און נאכדעם גיב תשובה, ׳ניין ניין, ס׳איז א שאד דו קענסט גיין צו וועלכע בית דין דו ווילסט׳.

האב איך איהם אנגעהויבן צו פרעגן אז דו ביסט אזוי קלאר אין דעם, זאלסטו כאטשיג זאגן אין וועלכע בי״ד דו ווילסט גיין, ווייל – עטס זאלסט וויסן – אז ביי די זאכן ס׳איז דא א תובע מיט א נתבע, און מ׳וויל אביסל מיד מאכן דעם תובע איז איין וואך צוויי פראבירט מען זיך נישט אנרופן ביי די דין תורות, און אזוי נאכאמאל און ס׳גיין דורך א חודש און צוויי און דריי גיבט ער אריין א תירוץ דורכ׳ן פאקס, בכל אופן האב איך אים געזאגט זאג וועלכע בי״ד דו ווילסט – איינער ווייל דעם דיין איינער ווייל דעם דיין דו האסט דא א גאנצע רייע בתי דינים דא אין שטאט – ביי אונז איז מקובל אלע בתי דינים מיר האבן דא ליטווישע בתי דינים פון הרב קארעליץ, מיר האבן דא הרב לאנדא, מיר האבן דא הרב וואזנער׳ס בי״ד דו קענסט זיך וועלן. האט ער געענטפערט ׳איך גיב גארנישט, טוה וואס דו ווילסט דו וועסט שוין זעהן, טוה וואס דו ווילסט׳.

איז דא איינער אין גאנץ כדור הארץ וואס קען מיר זאגן אז הרב לאנדא איז א מענטש וואס מ׳קען אונטערקויפן פאר געלט? איך מיין אז ס׳איז נישטא קיין שום ספק, אפילו זיי אליין ווייסן אז הרב לאנדא קען מען נישט אונטערקויפן.

בין איך געגאנגען נארמאל, אזוי ווי איך האב געטוהן פאר אכט יאר צוריק מיט זיין איידעם, איינמאל ער האט זיך נישט אנגערופן, צוויי מאל, די דריטע מאל האט ער געגעבן עפעס אריין א פאקס, אז ער וויל גיין צו א ספרדישע בי״ד ׳נוה ציון׳, איך האב קיינמאל נישט געהערט ביי אשכנזישע אידן, וואס שלעפט ער מיר צו א ספרדישע וואס איך ברויך נישט, נו גייט פרעגט צו יענער גייט צו די בחירות צו נישט...

אונז האבן מיר אנגעהויבן אביסל צו טאפן דעם דופק ביי רבנים דא אין שטאט, האבן זיי געזאגט אז דאס איז א אמתלא, ווער ס׳האלט נישט ביים גיין צו בי״ד גיט ער אזא דריי צו א ספרדי׳שע בי״ד, זענען מיר אין א ספק געווען וואס טוהען מיר דא, אונז ברויך מיר דאך מחליט וואס מ׳טוהט, צו גיין דארט, זאגן דאך רבנים אז דאס איז א אנגעשטעלטע זאך, ווייסט מען דאך נישט וואס צו טוהן.

האט מען מחליט געווען – די רבנים –מ׳האט איהם געשיקט א בריוו – ווייל ס׳איז דא אזא זאך אין די הלכה התובע הולך אחר הנתבע, דאס איז די הלכה, נארמאל ברויך אזוי גיין, אבער אסאך מאל איז דא וואס דער תובע קען נישט גיין ער האט כל מיני פראבלעמען צו אנקומען צו יענעם בי״ד, ס׳איז דא זאכן וואס מ׳קען נישט זאגן דא ברבים פראבלעמען וואס מ׳קען זיך נישט א עצה געבן, איז דא אזא מין זאך וואס מען קען כופה זיין א זבל״א, בי״ד קען כופה זיין א זבל״א, זה בורר לו אחד וזה בורר לאחד און די צוויי זענען בורר א שליש, און אמאל קען בי״ד כופה זיין א בורר שלישי, דאס האט ער באקומען אין א בריוו, און עד היום ווארט מען נאך אויף תשובה, ס׳איז נאך נישטא קיין תשובה דערווייל ביז אהער, עד כאן.

איך וויל נישט מער מאריך זיין איבער די נושא, אבער ממש כגודל הצפיה כך גודל האכזבה – ממש אונז האבן מיר נישט געגלייבט, אז ער איז געווען אזוי אנגעגעסן אז ממש פון די ערשטע רגע איז געווען דער 'לא׳ מיט א גרויסן אלף, ממש אז ס׳איז נישט געווען שייך מ׳זאל קענען רעדן, דאס איז די דברים כהווייתן, און ביז היינט ווארטען מיר אויף די תשובה.

איך וויל יעצט אריבער גיין אויף דעם נושא – איך וויל אין קורצן אראפ געבן אויך דעם בילד פון די מעשה מיט דעם איידעם זיינעם, אונז זענען מיר געזעצן ווען מ׳האט געמאכט דעם קאנטראקט מיט ד. מ. ט.. אונז האבן מיר געהאט א וויכוח צו געבן אויף פינף יאר צו זעקס יאר, און ער האט געהאט א טענה אז ער גייט משקיע זיין זייעהר אסאך געלט כדי ער זאל קענען צוגרייטן דעם זאל און אויפהייבן דעם מצב, און ער האט טאקע אריינגעלייגט אסאך געלט, דאס איז געווען דער תנאי, מוז מען איהם געבן צען יאר, אבער דאס איז געווען אויסדריקליך אפגערעדט אז די אלע השקעות זענען מיר אונז נישט שותפים, אונז געבן מיר איהם נאר אויף צען יאר, נארמאל מאכט מען נישט אויף צעהן יאר א ליס, מ׳ מאכט א יאר אדער צוויי יאר, א זאל אדער א געשעפט מאכט מען אביסל לענגער אויף פינף יאר .. אבער נארמאל מאכט מען נישט אויף לאנגע יארן ווייל מ׳קען דאך נישט וויסן, אבער ער איז בא בטענה, ער גייט אריינלייגן אסאך געלט, דאס איז געווען פונקט ווען ס׳האט זיך געעפענט די דריי זאלן אין שכינות 'היכלי מלכות׳, איז ר׳ משה חיים געווען דערשראקן ער האט געמיינט אז ער קען שוין פארמאכן די זאלן, האט ער געזאגט לאמיר נאכגעבן מ׳וועט איהם געבן אויף צען יאר, אבער בתנאי אז אונז האבן מיר נישט אין די גאנצע השקעה גארנישט.

מ׳האט איהם געגעבן א ראהויג׳ע פרייז, אפילו דעמאלט׳ס איז דאס נאך געווען בחסד, און אזוי איז געווען אפגעשמועסט מיט איהם, ס׳גייט נישט אדורך א יאר צייט צו פופצן מאנאטן – האט ער אנגעהויבן צו זינגען זמירות, אז ער וויל אונז זאלן מיר זיין שותפים אין די השקעה, ס׳האט איהם זייעהר אסאך געלט געקאסט און ער קען נישט, נו ער האט דאך אונז אין די האנט, די ערשטע זאך שטעלט ער אפ די געלט ער גיט אונז נישט די שכירות-געלט, נו, אונז זענען מיר דאך געוואקסן אלע יארן אויף די גאנג פון תורה, אונז רירן מיר זיך נישט רעכטס און לינקס אן די תורה, גייט מען צו דין תורה, דאס איז דאך א נייע זאך מיט א גרויס פארנעם אסאך געלט, און ענק מעגן מיר גלייבן ס׳איז געווען זייעהר א שווערער קאמף, דער עולם האט נישט געוואוסט נאר ר׳ משה חיים און די חברי הנהלה, איך ברויך ענק נישט צו זאגן וואספארא מסירות נפש אזויפיל כוחות, אבער איך האב געבעטן דעם באשעפער ער זאל מיר געבן כוחות איך זאל קענען אנגיין, ווייל דאס איז דאך ממש בא׳גזל׳ט, אני הגבר ראה עני, איך האב געזען דעם עניות פון די מוסדות איך האב געזען דאס עניות פון די מלמדים, ס׳איז ממש דמעת העשוקים.

ער האט געדונגען גרויסע אדוואקאטן, גרויסע געלטער האט ער אריינגלייגט, למען השם טאמער האט איהם געזאגט איינער – אז דו האסט האפענונג צו באקומען א האלבע השקעה, איז כדאי צו גיין – און ב״ה דער באשעפער האט געהאלפן און מ׳איז אראפ געקומען די גאנצע בי״ד, די רבנים זענען אראפ געקומען און זיי האבן געהאט א געוויסע טענה אז זיי האבן נישט געגוג א גרויסע קאך, און מ׳האט געמוזט ברייטער מאכן, און מ׳האט מחייב געווען די מוסדות, די טענה פון השקעה איז אראפ געגאנגען אינגאנצן, אבער די חלק פון די קאך האבן מיר איהם געמוזט געבן כדי ער זאל קענען עקזעסטירן.

אונז האבן מיר נישט געהאט קיין עוררין - ס׳האט אביסל וויי געטוהן ס׳האט געקאסט אביסל געלט – אבער אז די רבנים האבן דאס געפסק׳נט איז נישט שייך געווען אז אונז זאלן מיר האבן א ברוגז קוק, דאס איז תורה, און אז מ׳האט אזוי געפסק׳נט נעמען מיר אן.

און אזוי האט ער אנגעהויבן צו צאלן ווייטער רוהיג, ס׳איז נישט דורך געגאנגען קיין יאר איז ער ווייטער געקומען מיט א מעשה אז ער האט אריין געלייגט די ערקאנדישן ער האט אריינגלייגט דריי הונדערט טויזנט שקלים, און ער בעט אויך א תביעה פון די בי״ד א צווייטע תביעה, און אזוי פיהל אז קודם האט ער אפגעהאלטן דאס שכירות געלט, און איך ברויך ענק נישט זאגן ביז ווילאנג מ׳דארף דן זיין, דאס איז מרורים ביז מ׳זעהט ארויס דאס געלט, און דא איז ער אויך דורכגעפאלן, נאכדעם איז ער געקומען מיט א מעשה מיט לעקטער ער האט עפעס געטוישט ער האט געברענגט איינער פון די פינף גרעסטע

מומחים אין לאנד, ער האט איהם געצאלט געלט למען השם, אפשר זאל ער קענען עפעס טענה'ן. און ער האט דאס אויך דערלייגט, און ער האט געזעהן אז ער האט נישט קיין ברירה, האט ער נישט געצאלט די שכירות מיט כל מיני פראבלעמען ... אבער מ'האט געמאכט א שוויג.

ביז ווילאנג ס'איז אנגעקומען פאר פיר א האלב, פינף יאר – אונז האבן מיר נישט געוואוסט וואס ס'ליגט אונטער די אלע זאכן – ער האט געזאגט איינמאל פארדעם אויף בדרך אגב, אז ער וויל מ'זאל איהם פארלענגערן די קאנטראקט נאך פינף יאר – נארמאל די שטייגער פון א מענטש וואס וויל אז מ'זאל אים פארלענגערן ברויך האבן א גוטע התנהגות, מ'זעהט אז ער פירט זיך אויף גוט איז סופו מוכיח על תחילתו, האבן מיר איהם געזאגט איין זאך אז דו וועסט באווייזן דיין ישרות און באצאלן, וועט די הנהלה דן זיין וועט ס'וועט זיך ענדיגן די צען יאר באופן חיובי, ער האט געזאגט 'ניין מ'זאל איהם שוין געבן אן התחייבות', און ס'איז געקומען איינער פון אמעריקע און ער האט איהם צוגעהאלפן, אונז האבן מיר אזא'נס נישט געקענט געבן, ווייל אונז האבן מיר שוין מיטגעמאכט, אונז האבן מיר געזאגט אז דו וועסט צאלן די קומענדיגע פינף יאר רוהיג און דו וועסט באווייזן אז ס'איז גוט - ס'איז נישט געפערליך א איד קען תשובה טוהן - וועלן מיר דן זיין באופן חיובי, געלט וועט מען זיך א עצה געבן אביסל מער און וויניגער אבער ס'איז נישט קיין דבר מוחלט אויף שלילי.

ביי איהם האט דאס אנגעצונדן א רויטע לעמפל, אז ס'איז נישט קיין זיכערע זאך, ביי אונז איז דאס אויך נישט געווען זיכער, ס'ענדיגט זיך שוין די קאנטראקט סוף דעם יאר, אנפאנג פעברואר 2010, און ער האט געזעהן אז ס'איז א גרויסע ספק צו ער וועט קענען מאריך זיין מיטן קאנטראקט, און מ'האט איהם אנגעהויבן דארטן איינצורעדן - דעמאלט'ס האט מען אנגעהויבן צו מזייף זיין אין רשם החברות - האט ער געטראכט ביי זיך דא בין איך דאך א ספק, דארט וועל איך באקומען די אלע זאכן הונדערט פראצענט אן קיים שום פראבלעם, נאר איך זאל אריבער גיין אויף זייער זייט און ס'איז דא ווער ס'שלאגט זיך אין די מלחמה פאר מיר, דאס איז געווען ביי איהם די גאנצע כעס, און דאס איז אנגעקומען די לעצטע איינס האלב יאר, ביז ער איז צוגעקומען צו די החלטה אז ער צאלט נישט די שכירות אויך נישט.

איך זאג נישט, פאר דעם האט ער נאך געצאלט, שווער געצאלט, דאס אלעס איז אויך געווען דורך בי"ד, אהער געדרייט און אהין געדרייט אבער ער האט געצאלט, ס'איז דורך צוויי צו דריי חדשים מ'האט איהם אלץ געברויכט דערמאנען, אבער ס'איז געקומען די איינס האלב יאר האט ער מחליט געווען ער צאלט נישט, אן קיין שום הסבר, פאר איינער פון די רבנים – הרב לאנדא – האט ער זיך אמאל אנגערופן אז איינער האט איהם דאס צוגעזאגט אין אמעריקע, טראכט ער ביי זיך וואס ברויך ער צאלן ער האט דאך דאס אלעס אן צאלן.

וואס איך וויל זאגן פארן עולם, די הנהלה האט געהאלטן פה אחד, אז טאמער פירט ער זיך די התנהגות אזוי ווי ס'ברויך צו זיין, איז אזוי ווי מיט ר' מ.ו. האט מען געוואלט ווייטער ממשיך זיין, איז געווען אויך די החלטה אז מען גייט מיט איהם אויך חיובית'דיג, ליידער האט ער מחליט געווען ביי זיך נישט צו צאלן, מ'האט נאך גארנישט גערעדט, ער האט מחליט געווען צו גיין אזא גאנג.

איז אזוי פיל געבליבן אין די היינטיגע מצב ליידער, די רבנים טוהען אזויפיל, און די הנהלה פארלאנגט אז דער עולם זאל וויסן אז אונז ברויך מיר גארנישט, "בוררות" דאס איז די איינציגע תורה'דיגע זאך וואס אונז פארלאנגען מיר, זיי מוזן מקבל זיין די פסקים פון די רבנים, און אויף בוררות איז נישטא קיין חכמות דער האט זיך א בורר, און דער האט זיך א בורר, און די רבנים וועלן קובע זיין וועלכער בורר שלישי זאל זיין, און דאס איז די איינציגע זאך וואס די הנהלה און די קהילה פארלאנגט און דאס איז תורה'דיג, און ס'איז נישטא קיין שום זאך אויף דער וועלט וואס קען זיך אויף דעם מתנגד זיין. און אויב בכוונה וועלן מיר זעהן אז ביי דעם וועלן זיי אויך זיך מתנגד זיין, וועלן מיר זעהן וואו זיי האלטן מיט די אלע זאכן.

איך וויל דא זאגן אזוי פאר איך ענדיג, ס'איז דא א הבטחה פון חז"ל אז אויב אידישע קינדער זענען מאוחד איז אין אומה ולשון יכולין לשלוט בהם, אידישע קינדער האבן יעדן דור און דור געהאט נסיונות זה בכה וזה בכה, אסאך מאל האט געקענט זיין יד זרים לגמרי און אסאך מאל האט געקענט זיין אפילו היימישע אידן, אבער זאלט עטץ וויסן איין תנאי אז מ'איז מאוחד קען קיינער נישט שולט זיין, מ'זעהט טאקע אין די קהילה ס'איז קיינמאל נישט געווען אזא מין אחדות דאס איז א געוואלדיגע זאך, מ'זעהט אין כוח פון לערנען און אין אלע זאכן אגאנץ יאר בלי עין הרע, צו דאס איז דער ראש ישיבה וואס ער ברענגט אריין, יעדער איינער וויל הערן, אונז זיין מיר שוין דא אסאך יארן און מ'דערקענט דאס ס'איז נישט דער יוגנט וואס איז זענען מיר געווען געוואוינט דאס איז א איידעלע'רע יוגנט, מ'זעהט אז ס'איז מער תורה'דיג, ס'איז דא א הבטחה אין אומה ולשון יכולין לשלוט, איך קען זאגן קלאר, אז די קהילה איז רוב מנין ורוב בנין יד אחת, אחים לדעה, און איך בין בלי שום ספק אז ס'וועט זיין אין אומה ולשון יכולין לשלוט בהם.

אונז געפינען מיר זיך אין די וואך פון די ספירה פון די מידה "נצח" איך קען ענק זאגן אז נצח ישראל לא ישקר, און זכות פון

כח התורה דאס איז נצחי און דעם זכות פון דעם אותו זקן רבינו הקדוש זי"ע, אותו זקן וואס דאס איז אמת, אונז גיי מיר מיטן כח פון אמת, רביה"ק וואס מיר גייען בעקבותיו, ער האט זיך מוסר נפש געווען פאר בני ברק, אז מ'איז זיך מוסר נפש פאר א זאך האט דאס א קיום נצחי, אויך דעם זכות פון הייליגן רבי'ן דער ברך משה, עינו ולבו איז געווען אין בני ברק, איך האב זוכה געווען מערערע מאל איך האב קינדער דארט, ס'איז געווען יארן וואס איך בין געפארן איינס נאכן אנדערן, איך בין געווען נאנט ביים רבי'ן דער ברך משה זי"ע, איינמאל האט ער מיר ארומגענומען אונטערן ארעם, און איין זאך האט ער געפרעגט וואס טוהט זיך אין די מוסדות אין בני ברק, וואס טוהט משה חיים, דאס איז געווען עינו וליבו אין בני ברק, די כוונה איז געווען עפעס אנדערש, די כוונה איז געווען פון רבי'ן זי"ע, אז ר' משה חיים איז דא בעה"ב, און נישט ווייל ס'איז ר' משה חיים'ס נחלת הפרט, ער האט געזען אויף איהם אז ער איז א גענעראל, א אמת'ער געטרייער סאלדאט פאר סאטמאר, דאס טרעפט מען נישט אין גאנצן כדור הארץ אזא מין געטריישאפט, און מ'קען זאגן אויף איהם אז מען קען נישט זוכן אויף איהם, דאס גאנצע חיים צנועים ביותר וואס דאס זעהט מען נישט היינטיגע צייטן בכלל, ס'איז דאך לא ימלט, איך בין דאך געשטאנען דארט מיט די אלע וואס האבן זיך געדרייט ביים רבי'ן זי"ע, אלע האבן דאס געהערט, אלע נאנטע פון רבי'ן וואס האבן דעמאלטס משמש געווען בקודש, אלע האבן געהערט ווי דער רבי פרעגט אויף ר' משה חיים און די מוסדות.

גלייבן מיר אז די זכות פון הייליגן ברך משה זי"ע וועט אוודאי ביישטיין מיט השי"ת הילף, און די זכות פון רבי'ן זאל זיין געזונט אין שטארק וואס אלעס ווערט געפירט תחת הדרכתו, וואס איך קען זאגן אז ער האט אויפגעהויבן דעם קרן התורה נישט נאר אין בני ברק נאר אין די גאנצע וועלט, דער נאמען סאטמאר האט ער אויפגעהויבן, און קען זיין אז ער איז מחייב אנדערע אויך ווייל אידן וואס קומען דא אין ביהמ"ד - איך בין שוין דא פינף אין דרייסיג יאר - און מ'האט נישט געזעהן אזא קרן התורה מיט עול התורה וואס ס'גייט דא פאר די לעצטע יארן, זייט דער רבי זאל זיין געזונט האט גענומען דעם כח התורה אין די האנט און ער האט אנגעהויבן צו פארשטארקן דעם כח התורה אין די גאנצע וועלט, און דאס גייט נישט לריק, גלייבן מיר בזכות האמת ובזכות התורה אז בלי שום ספק וועלן מיר בקרוב אויסגעלייזט ווערן פון יד זרים זה בכה וזה בכה, וואס זיי פראבירן זיך משתלט זיין אויף די נכסים פון רבי'ן זאל זיין געזונט און פון הקדש, ווייל דער רבי זי"ע וואס האט דאס אויפגעמאכט האט ער דאס געמאכט ס'זאל אויפבויען די קהילה מיט קינדערלעך און מיידעל שול, דאס איז דאך געמאכט געווארן נאר פאר די קהילה.

האפן מיר דער אייבישטער וועט אוודאי העלפן לא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים, און ס'איז איבעריג צו זאגן אז יעדער איד וואס בלוטיגט און יעדער איינער אין די קהילה וואס איז אזוי מאוחד דא, וואס איז א זעלטענע זאך אז מ'זעהט אזוי אחדות, און אמעריקע טוהען זיין שטוינען ווען איך רעד מיט אידן דארט אז דער בני ברק'ער עולם איז אזוי באחדות, דאס איידלקייט די תורה'דיגע הנהגה וואס מ'זעהט ארויס פון בני ברק מיט דעם כח וועט מען אוודאי געהאלפן ווערן.

בעט מען כאטשיג פון דעם עולם א מינימום פון התחייבות אז מען זאל זיך נישט משתתף זיין און מ'זאל נישט מאכן קיין שמחות אין די זאלן מ'זאל קענען אפהאלטן די אידן זאלן נישט מאכן קיין שמחות צו סיי וועלכע אידן וואס וואוינען אביסל ווייט און האט אפשר נישט קיים האנוג, ברויך מען יעדער איינער זאל פיהלן כאילו ס'איז זיין אייגענע זאך, ווייל דאס איז א ווייטאג פון יעדן איינעם, ווייל מאז היתה ישראל לגוי איז דאך נישט געווען אז מ'גייט צו א מענטש אויפן שענסטן אויפן, און ס'זאל אנקומען צו אזא מצב.

איך קען נאר איין זאך זאגן פאר איך ענדיג אז מ'האט געקענט אויפשטעלן א גאנצען מוסר ספר די יארן וואס אונז זענען מיר עוסק אין דעם נושא, די מידת הסבלנות וואס מ'באקומט פון די אכט יארן וואס מ'פירט א דין תורה, נישט מיט סתם א בעל דין, נאר מיט א בעל דין קשה ביותר, וואס ער באקומט סמיכה אויף דעם טיטל פון אלע בתי דינים אין שטאט אז אזא בעל דין קשה האבן זיי נאכנישט געהאט, און מ'האט געברויכט זייער אסאך שלונגען ער איז דאך מוחזק אלעמאל אין געלט, כל טצדקי שבעולם האט ער געטוהן, אבער ווען ס'וועט זיך ענדיגן וועט מען קענען פארציילן וואספארא קנוניות ער האט געמאכט אבער ער האט געמיינט אז מ'וועט מיד ווערן, די הנהלה וועט מיד ווערן, אבער ווער ס'האט געלערנט דעם ישמח משה אין פרשת בהעלותך אז די זון איז איינע פון די זאכן וואס מ'לערנט זיך ארויס אז ס'איז געווען א בחינה פון הנעלבים ואינם עולבים שומעים חרפתם ואינם משיבים, אבער די הבטחה איז ואוהביו כצאת השמש בגבורתו, וועגן דעם אונז זענען מיר מאמינים אונז גיין נאר מיט די תורה, אונז זענען מיר מאמינים ואוהביו כצאת השמש.

איך וויל נאר ענדיגן אז השי"ת זאל העלפן מ'זאל קענען ווייטער מתעסק זיין בקדשים און מ'זאל קענען ווייטער מרחיב זיין די גבולי הקדושה, במנוחת הנפש ובהרחבת הדעת, אונטער די פיקוח און הדרכה פון רבי'ן זאל זיין געזונט דער אייבישטער זאלן איהם געבן אורך ימים ושנות חיים עדי נזכה לביאת גואל צדק, בב"א


רבינו הקדוש זועק
ממקום מנוחתו !!!
...ההליכה בערכאות של
המדינה הציונית האיסור
הוא בגדר "יהרג ואל
יעבור"...
(מאמר ג' שבועות סי' ק"א)
...חסתי על עמלי שלא יהיה
ח"ו יגיעי לריק, וח"ו שלא
יפלו בידי לא יוכלו קום,
דוה לבי בקרבי ...
(ממכתב קדשו לק"ק בבני ברק יצ"ו)
מי יגלה עפר מעיניך רבינו הקדוש.